בעזהשי"ת

ספר

# עֲצָתוֹ אֱמוּנָה

אִידִישׁ

## פָּרָשַׁת שְׁלַח

תשע"ז

הכתובת להשיג את הספר הקדוש הזה וכל ספרי
אדמו"ר מוהר"ן מברסלב זי"ע וספרי תלמידיו הקדושים

To obtain this and other Breslov publications:

---

**היכל הקודש וויליאמסבורג**
HEICHAL HAKODESH WILLIAMSBURG
**27 Skillman Street**
**718-384-1652**

**היכל הקודש מאנסי**
HEICHAL HAKODESH MONSEY
**32 Dolson Rd.**
**347-733-7551**

**היכל הקודש קרית יואל**
HEICHAL HAKODESH KIRYAS JOEL
**8 Hayes Ct.**
**845-467-5299**

**היכל הקודש קרית יואל**
HEICHAL HAKODESH KIRYAS JOEL
**8 Premishlan Way**
**845-243-0563**

---

**בארץ ישראל:**

**מוסדות "היכל הקודש" חסידי ברסלב**

שע"י עמותת "ישמח צדיק-קהילת ברסלב בגליל"
בהסייתדות ע"י כ"ק מוהרא"ש זצוק"ל

**רחוב רבי נחמן מברסלב 1 ת.ד. 421 יבנאל 15225**

**טלפון רב קווי 04-6708356**

**פקס: 04-6708359**

---

Visit our website: www.breslevcity.co.il

לשמוע השיעורים: 212-444-9191

Find our entire book selection at:

**AMAZON.COM**

To donate and/or sponsor one of our books please call: **845-248-1651**

# עצתו אמונה

בעזהשי"ת - יום א' פרשת שלח, י"ז סיון, שנת תשע"ז לפ"ק

**לכבוד ... ני"ו**

איך האב ערהאלטן דיין בריוו.

איך פריי מיר זייער צו הערן פון דיר; שוין א לאנגע צייט וואס איך האב נישט געהערט פון דיר.

בנוגע וואס דו פרעגסט מיר צי דו זאלסט פארן אויף אומאן אויף ראש השנה, ווייל דאס יאר איז עס זייער שווער פאר דיר; קודם ווייל עס קאסט זייער פיל געלט, און צווייטענס ווייל דיין ווייב דארף האבן ראש השנה וכו'.

דאס וואס דו זאגסט אז עס איז דיר שווער וועגן געלט, מוז איך דיר זאגן אז איך פארשטיי דיר בכלל נישט; לאמיר דיר פרעגן, אויב עס ווארט דיר חס ושלום א שווערע משפט, און דו דארפסט זוכן א גרויסער לויער (עורך דין) זאל דיר ראטעווען פון דעם גרויסן משפט, וואלסטו געקוקט אויף געלט?! אודאי נישט! א מענטש וואלט אוועק געגעבן אלעס אויף דער וועלט אבי ער זאל לעבן, אזוי ווי עס שטייט (איוב ב, ד): "עוֹר בְּעַד עוֹר, וְכֹל אֲשֶׁר לָאִישׁ, יִתֵּן בְּעַד נַפְשׁוֹ", זאגט רש"י: "כֵּן דֶּרֶךְ בְּנֵי אָדָם; כְּשֶׁרוֹאֶה הַחֶרֶב בָּאָה עַל רֹאשׁוֹ, מֵגִין בִּזְרוֹעוֹ לְפָנָיו, וְכָל שָׁכֵן כָּל אֲשֶׁר לְאִישׁ בְּמָמוֹן - יִתֵּן", ווען א מענטש זעט אז מען וויל אים ח"ו שטעכן אין קאפ, לייגט מען די האנט - מען זאל ענדערש צושטעכן די האנט ווי דעם קאפ וכו', און זיכער אז מען וועט זיך ראטעווען מיט געלט ווי איידער מען זאל ח"ו געשעדיגט ווערן.

פרעג איך דיר, אז דער הייליגער רבי האט געזאגט (חיי מוהר"ן, סימן תה): "הָרֹאשׁ הַשָּׁנָה שֶׁלִּי הוּא חִדּוּשׁ גָּדוֹל, וְהַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ יוֹדֵעַ שֶׁאֵין הַדָּבָר הַזֶּה בִּירֻשָּׁה מֵאֲבוֹתַי, רַק הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ נָתַן לִי זֹאת בְּמַתָּנָה - שֶׁאֲנִי יוֹדֵעַ מַהוּ ראשׁ הַשָּׁנָה. לֹא מִבְּעָיָא אַתֶּם כֻּלְּכֶם בְּוַדַּאי תְּלוּיִין בְּרֹאשׁ הַשָּׁנָה שֶׁלִּי, אֶלָּא אֲפִילּוּ כָּל הָעוֹלָם כֻּלּוֹ תָּלוּי בְּרֹאשׁ הַשָּׁנָה שֶׁלִּי", די גאנצע וועלט איז אנגעהאנגען אויף מיין ראש השנה, און דער אייבערשטער האט

מיר דאס געגעבן פאר א מתנה; נישט נאר איר - מיינע תלמידים זענט תלוי אין מיין ראש השנה, נאר די גאנצע וועלט שטייט אויף מיין ראש השנה.

נאך האט דער רבי געזאגט (חיי מוהר"ן סימן ת"ג): "הָראשׁ הַשָּׁנָה שֶׁלִּי עוֹלֶה עַל הַכֹּל, וְהָיָה פֶּלֶא אֶצְלִי, מֵאַחַר שֶׁהַמְּקֹרָבִים שֶׁלִּי מַאֲמִינִים לִי, וְלָמָּה לֹא יִזָּהֲרוּ כָּל הָאֲנָשִׁים הַמְקֹרָבִים אֵלַי, שֶׁיִּהְיוּ כֻּלָּם עַל רֹאשׁ הַשָּׁנָה אִישׁ לֹא יֵעָדֵר; כִּי כָּל עִנְיָן שֶׁלִּי הוּא רַק רֹאשׁ הַשָּׁנָה", מיין גאנצע זאך איז ראש השנה, און עס איז מיר א וואונדער פארוואס מיינע מענטשן וואס גלייבן אין מיר, זאלן נישט רעדן צו אלעמען אז מען זאל קומען צו מיר אויף ראש השנה, "וְהִזְהִיר לַעֲשׂוֹת כְּרוּז, שֶׁכָּל מִי שֶׁסָּר אֶל מִשְׁמַעְתּוֹ וּמְקֹרָב אֵלָיו יִהְיֶה עַל ראשׁ הַשָּׁנָה אֶצְלוֹ לֹא יֶחְסַר אִישׁ, וּמִי שֶׁזּוֹכֶה לִהְיוֹת עַל ראשׁ הַשָּׁנָה רָאוּי לוֹ לִשְׂמֹחַ מְאֹד מְאֹד", דער רבי האט געהייסן אז מען זאל מאכן א כרוז, אז אלע זאלן קומען צו זיין ראש השנה. נאך האט דער רבי געזאגט: "ווער עס קומט צו אים אויף ראש השנה דארף זיין פרייליך א גאנץ יאר".

דערפאר פארשטיי איך נישט וואס דו שרייבסט מיר, אז דאס יאר קענסטו נישט קומען ווייל עס קאסט אסאך געלט, חז"ל זאגן (ביצה טז.): "כָּל מְזוֹנוֹתָיו שֶׁל אָדָם קְצוּבִים לוֹ מֵרֹאשׁ הַשָּׁנָה וְעַד יוֹם הַכִּפּוּרִים, חוּץ מֵהוֹצָאַת שַׁבָּתוֹת וְהוֹצָאַת יוֹם טוֹב וְהוֹצָאַת בָּנָיו לְתַלְמוּד תּוֹרָה, שֶׁאִם פָּחַת פּוֹחֲתִין לוֹ, וְאִם הוֹסִיף מוֹסִיפִין לוֹ", ראש השנה שרייבט מען אפ דעם בודשעט פונעם יאר, און ראש השנה שרייבט מען אפ אלעס וואס וועט פאסירן מיטן מענטש, און מיט זיין ווייב און קינדער, אזוי ווי מען זאגט ביים דאווענען: "בְּרֹאשׁ הַשָּׁנָה יִכָּתֵבוּן, וּבְיוֹם צוֹם כִּפּוּר יֵחָתֵמוּן - כַּמָּה יַעַבְרוּן וְכַמָּה יִבָּרֵאוּן, מִי יִחְיֶה וּמִי יָמוּת, מִי בְקִצּוֹ וּמִי לֹא בְקִצּוֹ, מִי בָאֵשׁ, וּמִי בַמַּיִם, מִי בַחֶרֶב, וּמִי בָרָעָב, מִי בָרַעַשׁ, וּמִי בַמַּגֵּפָה"; נאכמער האט דער רבי געזאגט (חיי מוהר"ן, סימן תסו), אז ווען דער חזן זאגט "מי, ומי, ומי" דארט איז מרומז אלעס וואס שטייט נישט אויסגערעכנט אינעם פיוט פון ונתנה תוקף. פרעג איך דיר, אז מיר האבן א צדיק פון צוויי הונדערט יאר צוריק וואס האט געהייסן קומען צו אים, דארף מען מער פון דעם?

א מענטש וואס האט שכל קוקט נישט אויף קיינעם, נאר ער פארט צום רבי׳ן אויף ראש השנה.

וויסן זאלסטו אז די אלע טויזענטער אידן וואס קומען צום רבי׳ן - קיינער קומט נישט גרינגערהייט, נאר יעדער איינער קומט מיט מסירות נפש; נאר וואס דען? אז דער רבי האט געהייסן קומען, קומט מען אן קיין קשיות. און דער רבי וועט דיר צוריק געבן די גאנצע קאסטן פון די נסיעה.

נאר דאס וואס דו זאגסט אז דיין ווייב דארף האבן פונקט ראש השנה, דאס איז שוין אן אנדערע מעשה; איך וואלט דיר געזאגט אז דו זאלסט דאס יאר בלייבן מיט איר, אזוי וועסטו נישט האבן קיין מחלוקת און דו וועסט קענען פארן אלע יארן; אויף דעם איז געזאגט געווארן (יומא פה.): ״חַלֵּל עָלָיו שַׁבָּת אַחַת כְּדֵי שֶׁיִּשְׁמוֹר שַׁבָּתוֹת הַרְבֵּה״, ווייל אז דו וועסט פארן דאס יאר, וועט די גאנצע משפחה זיך נעמען אויף דיר, און דו וועסט עס נישט קענען אריבער טראגן; דיין ווייב אליין דארף דיר האבן דו זאלסט איר העלפן וכו׳.

ביז ראש השנה איז נאך דא אסאך צייט, זיי מתפלל אז דו זאלסט קענען פאלגן דעם רבי׳ן; ווייל תפילה איז שטערקער פון אלעס, מיט תפילה וועסטו זען ניסים ונפלאות.

...

בעזהשי״ת - יום א׳ פרשת שלח, י״ז סיון, שנת תשע״ז לפ״ק

**לכבוד ... ני״ו**

איך האב ערהאלטן דיין בריוו.

וויסן זאלסטו אז דאס איז א מחלה, און נישט סתם א מחלה, נאר א מחלה וואס ווען דער בית המקדש זאל ווען יעצט שטיין און די סנהדרין זאלן משפט׳ן, וואלט מען געגעבן פאר די מחלה נישט מער און נישט וויינעגער ווי - ׳סקילה׳; דער אייבערשטער

זאל דיר אפהיטן פון דעם. פאלג מיר, לאז אפ דעם חבר, און זוך דיר ערליכע חברים, ווייל אז דו וועסט ממשיך זיין אזוי וכו' וועסטו נישט קענען חתונה האבן, און דו וועסט פארשווארצט ווערן אויף דער וועלט און אויף יענער וועלט.

דער הייליגער רבי זאגט (ספר המידות, אות ניאוף, חלק ב', סימן ח): "אָסוּר לְלַמֵּד זְכוּת עַל זֶה שֶׁעָבַר עַל מִשְׁכַּב זָכוּר", מען טאר נישט מלמד זכות זיין אויף א מענטש וואס טו די עבירה הנ"ל; איך בעט דיר, אנטלויף פון דעם חבר, פאר דו וועסט ווערן אריין געשלעפט אין די עקעלדיגע עבירה וואס דער עונש פון דעם - זאגט דער רבי (ספר המידות, אות פדיון שבויים, סימן ו) - איז תפיסה.

זע צו זאגן תהילים יעדן טאג; דער רבי זאגט (ליקוטי מוהר"ן, חלק ב', סימן עג): "מִי שֶׁרוֹצֶה לִזְכּוֹת לִתְשׁוּבָה, יִהְיֶה רָגִיל בַּאֲמִירַת תְּהִלִּים, כִּי אֲמִירַת תְּהִלִּים מְסֻגָּל לִתְשׁוּבָה", ווער עס וויל תשובה טון, זאל זאגן תהילים. ר' נתן פלעגט זאגן יעדן טאג דעם 'יום תהילים', אזוי ענדיגט מען יעדע וואך גאנץ תהילים.

דער הייליגער רבי האט אונז געגעבן א מתנה וואס הייסט 'התבודדות'; אז א מענטש זאל גיין אין א פלאץ וואו קיינער איז נישט דארט, און זיך אויסרעדן זיין הארץ צום אייבערשטן אויף זיין אייגענע שפראך, ער זאל פארציילן פארן אייבערשטן אלעס וואס גייט אריבער אויף אים. און ווען א מענטש זאגט פארן אייבערשטן אז ער וויל זיין ערליך; ער וויינט צו אים: "רבונו של עולם, וואס זאל איך טון אז דער יצר הרעווארפט מיר אראפ נאכאמאל און נאכאמאל? וויפיל מאל איך נעם זיך פאר צו זיין וואויל פאל איך נאכאמאל אראפ!" דורכדעם נעמט ער אראפ פון זיך אלע עונשים; דער אייבערשטער איז אים מוחל און נעמט אים צוריק.

בפרט א בחור וואס איז דער גרעסטער רחמנות אויף דער וועלט, אזוי מוהרא"ש ז"ל האט געזאגט, אז קיינער פארשטייט נישט קיין בחור, און קיינער ווייסט נישט דעם צער וואס א בחור האט. דער בחור וויל זיין ערליך, ער וויל זיין ריין און הייליג, אבער עס גייט אים נישט, ער האלט אין איין אראפפאלן אין די עבירה פון פגם הברית - הוצאת זרע לבטלה רחמנא לצלן, ביז עס ווערט אים נמאס דאס לעבן, און ער גייט

# עצתו אמונה

ארום מיט שלעכטע מחשבות, כאילו דער אייבערשטער איז ברוגז אויף אים; איז ווען א בחור רעדט זיך אויס דאס הארץ צום אייבערשטן, נעמט דער אייבערשטער אלע זיינע תפילות, און ער איז זוכה אויסצומעקן אלע קליפות ומשחיתים וואס ער האט באשאפן מיט זיינע מעשים.

דערפאר, פאלג דעם רבי׳ן; גיי אויף א פלאץ וואו קיינער איז נישט דארט, און דארט זאלסטו זיך אויסגיסן דיין הארץ צום אייבערשטן, פארצייל אים אלעס וואס עס גייט אריבער אויף דיר, פארצייל אים אלע שלעכטע מחשבות וואס דער יצר הרע ברענגט אריין אין דיר, בעט אים: ״רבונו של עולם האב רחמנות אויף מיר, איך וויל זיין אן ערליכער איד, איך וויל האבן ריינע אויגן, איך וויל נישט קוקן שמוציגע מאוויס מיט שמוציגע קליפס; וואס זאל איך טון אז איך האלט אין איין אראפפאלן?! איך שפיר אז איך ווער פארברענט, די תאות ניאוף פלאקערט אין מיר אז איך האלט עס שוין נישט אויס; איך קוק שמוץ, און נאכדעם קום איך צו צו טון די עקעלדיגע עבירה פון פגם הברית - הוצאת זרע לבטלה רחמנא לצלן, איך בין אזוי צעבראכן אז דער לעבן איז מיר שוין נמאס.

רבונו של עולם האב אויף מיר רחמנות; העלף מיר, לייג אריין אין מיר א רוח טהרה, געב מיר כח, העלף מיר איך זאל גלייבן אין דיר, איך זאל שפירן אז דו האסט מיר ליב, דער יצר הרע רעדט מיר איין אז דו ביסט אויף מיר ברוגז, איך גיי ארום מיט נארישע מחשבות, איך רעד מיר איין אז דו דארפסט מיר נישט וכו׳״.

שטארק דיר, דער אייבערשטער וועט דיר העלפן אז דו וועסט טרעפן דיין שידוך בקרוב; נאר איך בעט דיר ברחמים ובתחנונים: אנטלויף פון אים וכו׳! ווייל אז מען פאלט אריין אין דעם איז זייער ביטער.

א גוטן טאג.

...

בעזהשי״ת - יום ג׳ פרשת שלח, י״ט סיון, שנת תשע״ז לפ״ק

# עצתו אמונה

**לכבוד ... ני"ו**

מזל טוב פאר דיין סיום מסכת תענית די ניין אין דרייסיגסטע מאל; וואויל איז דיר און וואויל איז דיין חלק אז דו ניצט אויס דיינע קינדער יארן אזוי ווי עס דארף צו זיין, דאס איז דער ריכטיגע הכנה פאר דיין בר מצוה.

... האבן זייער הנאה ווי אזוי דו פירסט זיך אויף אין שטוב, אז דו פירסט זיך אויף זייער איידל און דו העלפסט זייער שיין, ובעיקר פון דיין יראת שמים; דו גרייטסט זיך אן נעגל וואסער יעדן טאג, און די ליינסט קריאת שמע של האריז"ל.

אויך האבן מיר זייער הנאה אז דו ביסט עוסק אין הפצה; דו קענסט זיך נישט פארשטעלן ווי גרויס דיין זכות איז. היינט פארציילט מיר א בחור אז ער איז געווען ביים ציין דאקטער, און דארט זיצט א גוי'טע און זאגט אים: "אפאר וואכן צוריק ביסטו דא געווען מיט א קינד, דער קינד האט מיר געראטעוועט מיין לעבן"; דאס ביסטו געווען, דו האסט איר געגעבן א קונטרס פון 'נישט זיין אנגעצויגן', און זי ליינט דאס נאכאמאל און נאכאמאל.

זיי ממשיך צו מאכן סידי'ס; יעצט איז ארויס געקומען די נייע סידי: 'טאנץ מיט אמונה'. זע צו מאכן אן א שיעור קאפיס פון דעם; עס איז ערשט נעכטן ארויסגעקומען, און איך האלט און איין באקומען גריסן פון מענטשן וואס זיי זאגן אז דאס איז פאר זיי פשוט ווי טיילענאל, עס בארואיגט דעם מענטש. ווייל א מענטש וואס האט שלעכטע מחשבות; ער שפירט ווי יעדער יאגט אים, און בכלל יעדער מיט זיינע שלעכטע מחשבות, אויף דעם איז די איינציגסטע רפואה: "אמונה"; ער זאל זיך חזר'ן א גאנצן טאג: "אלעס איז דער אייבערשטער", "קיינער קען מיר גארנישט טון".

שטארק דיך, און לערן ווייטער דיינע שיעורים, און זע צו גיין התבודדות; יעדן טאג זאלסטו זיך אוועק זעצן אויף א פלאץ וואו קיינער איז נישט דארט, און זיך אויסשמועסן דיין הארץ מיטן אייבערשטן.

...

# עצתו אמונה

בעזהשי״ת - יום ג׳ פרשת שלח, י״ט סיון, שנת תשע״ז לפ״ק

**לכבוד ... ני״ו**

איך האב ערהאלטן דיין בריוו.

חז״ל זאגן (סנהדרין כב:): ״אֵין הָאִשָּׁה כּוֹרֶתֶת בְּרִית, אֶלָּא לְמִי שֶׁעֲשָׂאָהּ כְּלִי״; מוהרא״ש ז״ל איז דאס מסביר, אז א פרוי ווערט איינס מיט איר מאן ווען איר מאן מאכט איר פאר א כלי; דאס הייסט, ער בויט איר אויף, און ער זאגט איר כסדר: ״דו ביסט יא ווערד״, ״איך האב דיר ליב וכו׳״. און ווען א פרוי זעט ווי איר מאן מאכט איר פאר א כלי - זי שפירט ווי זי איז ווערד ביי אים, דעמאלט קען איר קיינער נישט אוועק נעמען פון אים.

דו ביסט געווען אן אויבער חכם; דו האסט געמיינט אז דו ביסט קלוגער פון יעדן איינעם, דו האסט זיך איינגערעדט אז דו קענסט טשעפען און ווי טון דיין ווייב, און זי וועט דיר קיינמאל נישט אפלאזן - יעצט קוק דיר אן, דו ביסט איינער אליין, דו דרייסט זיך ארום עלנד און דו האסט נישט וואו צו גיין. דו ביסט אזוי צעבראכן ביי דיר, ביז דו גייסט טון עבירות - רחמנא לצלן - יעדע נאכט; יעצט וויינסטו צו מיר אז איך זאל דיר ארויס שלעפן פון דיין בלאטע. וויפיל האב איך זיך געבעטן צו דיר אז דו זאלסט האבן סבלנות צו דיין ווייב, וויפיל האב איך דיר געגעבן צו פארשטיין אז א ווייב קען מען נישט ווי טון, נאר א ווייב דארף מען אויף בויען און דערהייבן, און אפילו די ווייב זאגט אמאל אווארט, אדער זי בלאזט אויף דיר - דארף מען האבן דעם קאפ אויפן פלאץ, און געדענקען אז דאס איז נאר א שווערע מינוט, עס וועט אריבער גיין.

יעצט אז דו ביסט אליין און דו שרייבסט מיר אז דו האסט געכאפט דעם מעסידזש, און דו ווילסט תשובה טון אויף וואס דו האסט געטון ביז אהער - ווייס איך נישט וואס צו טון, ווייל איך האב גערעדט מיט איר, און זי וויל נישט צוריק גיין. איך פארשטיי איר, ווייל זי פארציילט מיר ווי אזוי דו האסט איר סתם געפייניגט, פאר גארנישט און

פאר נישט; דו האסט איר געמאכט וויינען יעדע נאכט, און זי האט באקומען אזא פחד פון דיר אז זי וויל נישט צוריק גיין וכו'. איך וועל פרובירן צו רעדן צו איר נאכאמאל, אז זי זאל דיר געבן נאך א שאנס.

א גוטן טאג.

...

בעזהשי"ת - יום ג' פרשת שלח, י"ט סיון, שנת תשע"ז לפ"ק

**לכבוד ... ני"ו**

איך האב זייער הנאה אז דו ביסט ארויס געפארן צו העלפן אנגרייטן דעם קעמפ פארן זוממער הבעל"ט; זע אבער יעדן טאג צו לערנען דיינע שיעורים, און דער עיקר זאלסטו זאגן יעדן טאג א יום תהילים, ווייל דער רבי זאגט אז ווער עס וויל זיין אן ערליכער איד זאל זאגן תהילים, און איינמאל דו וועסט זאגן תהילים, וועט דאס דיר שוין שלעפן צו אלע אנדערע שיעורים.

בשעת דו זאגסט תהילים זאלסטו טראכטן ווי דוד המלך האט דאס אנגעגרייט פאר דיר, און דער רבי זאגט (ליקוטי מוהר"ן, חלק ב', סימן קא): "וּבְקַל בִּפְשִׁיטוּת בְּלִי חָכְמוֹת יְכוֹלִין לִמְצֹא אֶת עַצְמוֹ בְּתוֹךְ כָּל הַתְּחִנּוֹת וּבַקָּשׁוֹת, וּבִפְרָט בִּתְהִלִּים שֶׁנֶּאֱמַר בִּשְׁבִיל כְּלַל יִשְׂרָאֵל, בִּשְׁבִיל כָּל אֶחָד וְאֶחָד בִּפְרָט", אז דוד המלך האט געזאגט דעם תהילים מיט אזא רוח הקודש, אז יעדער איינער וואס זאגט תהילים קען זיך טרעפן אין די ווערטער פון תהילים.

... האבן זייער הנאה ווי אזוי דו פירסט זיך אויף אין שטוב, אז דו פירסט זיך זייער איידל און דו העלפסט זייער שיין, ובעיקר פון דיין יראת שמים; דו גרייטסט זיך אן נעגל וואסער יעדן טאג, און דו ליינסט קריאת שמע של האריז"ל, וואס ר' נתן שרייבט (ליקוטי הלכות, קריאת שמע שעל המטה, הלכה ב) אז ווען א מענטש ליינט קריאת שמע ביינאכט

פאר ער גייט שלאפן און ער איז זיך מתוודה - אינו זז משם ביז מען איז אים מוחל אויף אלע זיינע עבירות.

אויך זע צו גיין אביסל שפאצירן צווישן די גראז און דיביימער; דער רבי האט געזאגט אמאל בשעת ער איז געווען אויף א שפאציר מיט זיינע תלמידים (שיחות הר"ן, סימן קסג): "אִם הָיִיתָ זוֹכֶה לִשְׁמֹעַ אֶת קוֹל הַשִּׁירוֹת וְהַתִּשְׁבָּחוֹת שֶׁל הָעֲשָׂבִים, אֵיךְ כָּל עֵשֶׂב וְעֵשֶׂב אוֹמֵר שִׁירָה לְהַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ בְּלִי פְּנִיָּה, וּבְלִי שׁוּם מַחֲשָׁבוֹת זָרוֹת, וְאֵינָם מְצַפִּים לְשׁוּם תַּשְׁלוּם גְּמוּל, כַּמָּה יָפֶה וְנָאֶה כְּשֶׁשּׁוֹמְעִין הַשִּׁירָה שֶׁלָּהֶם", ווי געשמאק איז צו גיין צווישן די גראז, צו הערן ווי זיי זינגען שירות ותשבחות צום אייבערשטן, אן קיין שום שלעכטע מחשבות; זיי ווארטן נישט אויף קיין שכר וכדומה, ווי גוט איז צו זיין צווישן זיי.

יעצט אז דו ביסט אינדרויסן פון שטאט, גנב'ע דיר אוועק פאר אפאר מינוט, און גיי אין א זייט און שמועס דיר אויס דיין הארץ מיטן אייבערשטן; גלייב מיר טייערער ... אז דו וועסט פאלגן דעם הייליגן רבי'ן, וועסטו האבן א חיים טובים. א טאטע וויל נאר דאס בעסטע פאר זיין קינד; איך האב גרויס הנאה דיר צו זען לערנען דיינע שיעורים, און איך האב הנאה ווען דו פארציילסט מיר דיינע סיומים, איך האף נאר אז דו רעדסט צום אייבערשטן יעדן טאג.

זע אהיים צו רופן ... יעדן טאג.

...

בעזהשי"ת - יום ג' פרשת שלח, י"ט סיון, שנת תשע"ז לפ"ק

**לכבוד ... תחי'**

איך בעט דיר זייער אז דו זאלסט זיך דערהאלטן און נישט אויף געבן; איך פרוביר מיט אלע מיינע כוחות דיר צו העלפן. עס גייט נישט אין איין מינוט, אבער דו וועסט זען א גרויסע ישועה בקרוב.

## עצתו אמונה

דו פון דיין זייט - זיי ווייטער ווארים צו אים; ווארט אים אפ מיט א שמייכל, און רעד שיין צו אים. א קלוגע פרוי קען אינגאנצן איבערדרייען איר מאן לטובה; איך בעט דיר, ווארט אויס אויף א ישועה און אנטלויף נישט, ווייל עס איז א שאד צו גיין צעברעכן א שטוב ווען מען קען עס נאך ראטעווען. דיין מאן איז א טייערער אינגערמאן, אבער זייער אסאך מאל גייען אינגעלייט אריבער שווערע זמנים וכו׳, און אז דו וועסט רעדן שיין צו אים, און אים ווייזן ליבשאפט וועט ער זיך איבערדרייען און ער וועט זיין גוט צו דיר.

שלמה המלך זאגט (משלי כז, יט): ״כַּמַּיִם הַפָּנִים לַפָּנִים, כֵּן לֵב הָאָדָם לָאָדָם״, אזוי ווי ווען מען קוקט אין וואסער זעט מען זיך - ווען מען שמייכלט זעט מען א שמייכל, און ווען מען איז זויער זעט מען א זויערע בילד; אזוי איז א מענטש צום חבר - ווען מען שמייכלט שמייכלט יענער צוריק, און ווען מען איז שלעכט, איז יענער שלעכט צוריק צו דיר. געדענק, די גאנצע לעבן איז אזוי ווי א ׳שפיגל׳, אויב מען שמייכלט צו א ׳שפיגל׳, זעט מען ווי איינער שמייכלט צוריק, און אויב מען ווייזט א זויערע פנים צום ׳שפיגל׳, זעט מען ווי איינער ווייזט צוריק א זויערע פנים. זוך נישט צו זיין גערעכט, נאר זע צו זיין קלוג, און זיי דו דער וואס בעט איבער און רעדט שיין.

עס גייט נישט אריבער א טאג וואס איך ווייז נישט צום אייבערשטן פאר דיר; זייט דו האסט מיר גערופן פארציילן אז עס איז דא צווישן דיר און דיין מאן סכסוכים האב איך שטארקע ווייטאגן און עס שטעכט מיר זייער, און איך בין מתפלל פאר דיר און פאר דיין מאן.

איך בעט דיר זייער טייערע ... ווארט אויס מיט סבלנות; דו וועסט האבן א גוט לעבן. בעט דעם אייבערשטן אז ער זאל אריין לייגן אין דיין מאן א רוח טהרה וכו׳.

א גוטן טאג.

...

בעזהשי״ת - יום ג׳ פרשת שלח, י״ט סיון, שנת תשע״ז לפ״ק

**לכבוד ... ני"ו**

דו האסט מיר געפרעגט נאכן שיעור צי דו מעגסט בארגן געלט צו פארן אין קאנטרי; דו זאגסט מיר אז סיי דו, און סיי דיין ווייב ווילן זייער שטארק זיין זומער אין קאנטרי - וואס דו זאלסט טון.

איך קען דיר נישט ענטפערן אז דו זאלסט בארגן געלט, ווייל נאכדעם וועל איך דאס נאך דארפן באצאלן; איך מיין אז דו זאלסט ארויס נעמען א באנגלוי, און גיי יעדע נאכט אביסל הפצה - אזוי וועסטו דאס קענען באצאלן.

דער רבי האט געהאט א תלמיד ר' נפתלי ז"ל; ער איז געווען איינער פון די צוויי עדות וואס דער רבי האט גענומען פארן 'תיקון הכללי'. ער האט באקומען א ברכה פונעם רבי'ן, אז ווען ער וועט אריין לייגן זיין האנט אין טאש, וועט ער אייביג טרעפן דארט געלט, וכך הוה. ווען ער האט געדארפט האבן געלט האט ער אריין געלייגט די הענט אין טאש און געטראפן געלט. מוהרא"ש שרייבט אין 'אשר בנחל': "איך זאג צו א צווייטע סארט ברכה; ווער עס וועט גיין הפצה, וועט אייביג האבן געלט אין טאש".

שטארק דיך מיט אמונה פשוטה אז דער אייבערשטער געבט פרנסה, און דער אייבערשטער איז א זן ומפרנס לכל; בעט אים יעדן טאג אז דו זאלסט נישט האבן קיין חובות, וועסטו ארויס גיין פון אלע דיינע חובות.

...

בעזהשי"ת - יום ג' פרשת שלח, י"ט סיון, שנת תשע"ז לפ"ק

**לכבוד ... ני"ו**

ברוך השם מיר האבן געטראפן א קעמפ וואו מיר וועלן זיין די קומענדיגע צוויי חדשים; היות רוב באנגעלאס האבן נישט קיין מזוזות, וויל איך דיר בעטן אז דו זאלסט

אנגרייטן מזוזות, כדי אז אלע אינגעלייט וואס דינגען ארויס א באנגעלוי, זאלן קענען קויפן ביי דיר מזוזות.

אויך וויל איך נעמען פאר די ישיבה מזוזות, דיקא וואס דו האסט געשריבן.

שטארק דיר, און געדענק אז פרנסה קומט פונעם אייבערשטן; כאפ דיך ארויף צום ציון פון רבינו הקדוש בעל דברי יואל מסאטמאר זי"ע. דער רבי זאגט (ספר המידות, אות צדיק, סימן קעג): "עַל יְדֵי הִשְׁתַּטְּחוּת עַל קִבְרֵי הַצַּדִּיקִים, הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא עוֹשֶׂה לוֹ טוֹבוֹת, אַף עַל פִּי שֶׁאֵינוֹ רָאוּי לְכָךְ", ווען מען איז מתפלל ביי א קבר פון א צדיק, טוט דער אייבערשטער פארן מענטש טובות, אפילו דער מענטש איז נישט ראוי דערצו.

א גוטן טאג.

...

בעזהשי"ת - יום ג' פרשת שלח, י"ט סיון, שנת תשע"ז לפ"ק

**לכבוד ... ני"ו**

איך דארף דיין הילף זייער וויכטיג; די חתונה וואס האט געדארפט זיין אין ישיבה האט מען צוריק גערוקט אויף קומענדיגע וואך דינסטאג, וויל איך דיר בעטן אויב דו קענסט מיר העלפן אז די חתונה זָאל זאל זיין פארטיג אין צייט. מארגן קען מען נישט ארבעטן דארט ווייל די קליינע מיידלעך מאכן א גראדזועישן, והזמן קצר והמלכה מרובה. איך קען בעטן די בחורים אז זיי זאלן דיר העלפן, אבער זיי ווייסן נישט וואס צו טון, און מען דארף נאך אראפ לייגן די פלארס.

בזכות דעם וואס דו העלפסט מיר מיט די חתונה זאל, וועסטו האבן פרנסה בשפע; דער רבי זאגט (ספר המידות, אות ממון, חלק ב', סימן ח): "לִסְעֻדַּת מִצְוָה - יַטְרִיחַ אָדָם אֶת עַצְמוֹ אֲפִילּוּ בִּבְקִיעַת עֵצִים, וִיכַוֵּן בִּבְקִיעַת עֵצִים שֶׁהוּא בּוֹקֵעַ וּמַפְרִיד הָרַע מֵהַטּוֹב שֶׁבְּעֵץ הַדַּעַת, וְעַל יְדֵי זֶה יִזְכֶּה לְפַרְנָסָה", א מענטש זאל זיך מטריח זיין צו העלפן פאר א סעודת מצוה, און ווען מען האקט די האלץ זאל ער אינזין האבן אז ער טוט דאס

אוועק צו נעמען די שלעכטע חלק פון די גוטע חלק, און אזוי וועט ער זוכה זיין צו פרנסה. דערפאר, בשעת די לייגסט די פלארס און די האקסט די האלץ זאלסטו זאגן פארן אייבערשטן: "רבונו של עולם, פארוואס טו איך דאס? פארוועם האק איך דא האלץ? נאר ווייל איך וויל אוועק נעמען דעם שלעכטן חלק וואס האט זיך אריין געכאפט ביי אידישע קינדער, אז מען שוועמט אויס געלט פאר נארישקייטן, און יעדער וואס מאכט א נייע זאך דארף אים יעדער נאך מאכן, און דאס איז גורם אז אידישע קינדער זאלן נישט וועלן אויסהערן קיין שידוכים, ווייל מען האט נישט קיין געלט". דורכדעם וועסטו זוכה זיין צו פרנסה.

גלייב מיר ליבער ברודער, איך טראכט צו מיר אסאך מאל 'וואס פעלט מיר אויס די גאנצע זאך, וואס ארבעט איך אזוי שווער וכו'?', ווייל איך האב גארנישט פון דעם אז אנשי שלומינו מאכן חתונה דא אין ישיבה, אויב עפעס איז עס בלויז נאך שווערע ארבעט פאר מיר; מיר וואלט גרינגער געווען אנצוקומען צו א חתונה פון א תלמיד ווי א שיינער איד - ווי א ראש ישיבה וואס קומט צו די שמחה פון א תלמיד מיט א ספר אונטערן ארעם, און די חתונה זאל זיין אין א צווייטע זאל. מיר קאסט נישט קיין געלט ווען איינער פון מיינע תלמידים האבן חתונה ערגעץ אנדערש, נאר פארוואס טו איך דאס? איך פרעג מיך אליין די קשיא, "פארוואס ארבעט איך, און איך נעם אויף מיר נאך און נאך?" נאר ווייל איך האב רחמנות אויף מיינע תלמידים; איך וויל אז זיי זאלן האבן א גרינגערע לעבן. אינגעלייט האבן קוים אויף צו קענען דורך שטופן יום יום, און ווען עס קומט א זמן שמחה - אנשטאט מען זאל זיך פרייען ביי א שמחה, ווערט מען אין א שלעכטע מצב, ווייל מען גייט אריין אין חובות.

דער רבי זאגט (ספר המידות, אות תשובה, סימן מו): "מִי שֶׁרוֹצֶה לָשׁוּב, יִזָּהֵר מִלִּהְיוֹת בַּעַל חוֹב". ווער עס וויל תשובה טון, זאל זיך אכטונג געבן פון חובות; נאך זאגט דער רבי (שיחות הר"ן, סימן קכב): "וּמוּטָב שֶׁיִּהְיֶה בַּעַל חוֹב לְעַצְמוֹ אוֹ לִבְנֵי בֵיתוֹ בְּמַלְבּוּשִׁים מִלִּהְיוֹת בַּעַל חוֹב לְהַחֶנְוָנִי אוֹ לַאֲחֵרִים", א מענטש זאל ענדערש זיין א בעל חוב פאר זיך, ווי צו זיין א בעל חוב פאר א צווייטן.

איך האף אז דו פארשטייסט וואס איך שרייב דיר - נישט מיט קיין טינט נאר מיט בלוט; איך האב גארנישט דערפון אז אנשי שלומינו מאכן ביליגע שמחות, אויב עפעס האב איך נאר בזיונות וכו׳, און עס נעמט מיר אוועק מיין מח. איך טו עס פאר מיינע תלמידים - אינגעלייט וואס קענען נישט אריבער גיין דעם חודש מיט זייער ארעמען געהאלט, אז זיי זאלן נישט דארפן לעבן מיט שווערע חובות. עס זענען דא אינגעלייט וואס ווען עס קומט סוף חודש האט ער אפאר דאללער אוועק צו לייגן, אבער עס זענען דא אינגעלייט וואס ביי זיי איז פארקערט - עס קומט סוף געלט בלייבט נאך איבער אביסל חודש וואס זיי קענען נישט דעקן, און ווען זיי דארפן מאכן א שמחה בארגן זיי געלט, און זיי האבן נישט קיין טראפל מנוחה און קיין ישוב הדעת וכו׳.

העלף מיר, און ענדיג צו דעם חתונה זאל - וועסטו האבן פרנסה בשפע. און בקרוב וועסטו א שידוך טון מיט ... ני״ו, און דו וועסט קענען חתונה מאכן דא אין דעם זאל, אן קיין חובות.

א גוטן טאג.

...

בעזהשי״ת - יום ד׳ פרשת שלח, כ׳ סיון, שנת תשע״ז לפ״ק

**לכבוד ... ני״ו**

איך ווייס נישט ווי אזוי אינגעלייט האלטן אויס יעצט זוממער; איך דאנק דעם אייבערשטן אז איך זיץ א גאנצן טאג אין ישיבה מיט די בחורים, און איך דארף מיך נישט דרייען אויפן גאס. צופרי גיי איך פון מיין שטוב צו די ישיבה, און ביינאכט גיי איך אהיים, און איך ווייס נישט ווי אזוי אינגעלייט קענען דאס אויסהאלטן, מען ווערט דאך פארברענט יעדע מינוט; די גוים זענען פונקט ווי די חיות, און אידישע קינדער דארפן דאס זען.

דער רבי זאגט (ספר המידות, אות הרהורים, חלק ב׳, סימן יג): ״כְּשֶׁאָדָם יוֹצֵא לַשּׁוּק, וּמִתְיָרֵא שֶׁלֹּא יָבוֹא לִידֵי הִרְהוּר עַל יְדֵי הָרְאִיָּה, שֶׁיִּרְאֶה נָשִׁים יָפוֹת, יֹאמַר הַפָּסוּק ״הֵן אֶרְאֶלָּם צָעֲקוּ חֻצָה מַלְאֲכֵי שָׁלוֹם מַר יִבְכָּיוּן, וְעַל יְדֵי זֶה יִנָּצֵל מֵרְאוֹת״, ווער עס האט מורא אז ער וועט נכשל ווערן און נישט היטן זיינע אויגן, זאל ער זאגן דעם פסוק פאר ער גייט ארויס פון שטוב. פאלג דעם רבי׳ן, און פאר דו גייסט ארויס אין גאס, לייג די האנט אויף די מזוזה, און זאג דעם פסוק: ״הֵן אֶרְאֶלָּם צָעֲקוּ חֻצָה, מַלְאֲכֵי שָׁלוֹם מַר יִבְכָּיוּן״, און בעט דעם אייבערשטן א תפילה, זאג פארן אייבערשטן: ״רבונו של עולם, איך גיי ארויס פון שטוב ווייל איך דארף ברענגען פרנסה פאר מיין ווייב און קינדער, העלף מיר אייבערשטער אז איך זאל מצליח זיין, איך זאל האבן שפע, און איך זאל קענען באצאלן אלע מיינע חובות.

רבונו של עולם האב רחמנות אויף אידישע קינדער, קוק וואס מיר דארפן אריבער גיין, שווערע ביטערע נסיונות; יעדעס יאר ווען עס קומט זוממער איז מיר אזוי שווער צו היטן מיינע אויגן. הייליגע באשעפער העלף מיר, איך וויל האבן ריינע אויגן, איך ווייס אז אלעס איז געוואנדן אין מיינע אויגן, וואס זאל איך טון אז יעדעס מאל פאל איך נאכאמאל אראפ. אייבערשטער, עס איז מיר אזוי שווער אז איך האלט עס מער נישט אויס״.

אזוי זאלסטו בעטן דעם אייבערשטער, און לייג צו דיינע אייגענע תפילות, וועסטו זען אז דו וועסט קענעןביישטיין דיינע שווערע נסיונות. נעם מיט דיר מיט א תהילים מיט א משניות, און ווען דו האסט אן איבעריגע מינוט, זאג א קאפיטל תהילים פארן אייבערשטן. דו קענסט זיך נישט פארשטעלן וואס עס טוט זיך אפ אויבן אין הימל ווען א מענטש קרעכצט זיך אויס צום אייבערשטן, אלעס ווערט אפגעשטעלט, און אלע קומען קוקן ווי דער מענטש וויינט זיך אויס פארן אייבערשטן.

ווען עס קומט סוף טאג און דו שפירסט אז דו ביסט אויסגעברענט, און דו האסט נישט קיין כח מער, בעט איך דיר, פאר דו גייסט אהיים, מאך א קליינע תפילה צום אייבערשטן, בעט אים: ״רבונו של עולם! דו ביסט דאך הנותן ליעף כח, איך גיי יעצט

אהיים צו מיין ווייב און קינדער, געב מיר כח אז איך זאל קענען העלפן אין שטוב, איך זאל האבן מיין קאפ אויפן פלאץ צו געבן גוטע ווערטער פאר מיין טייערע ווייב; יעדע נאכט ווען איך קום אהיים, קריג איך זיך מיט איר - פאר גארנישט און פאר נישט, עס איז נאר ווייל איך בין איבערגעשטרענגט און איך פארליר זיך. הייליגע באשעפער, איך וויל זיין גוט, געב מיר אביסעלע כח, אביסעלע שכל - אז איך זאל זיך נישט פארלירן וכו׳״

דו קענסט זיך נישט פארשטעלן וואס געשעהט מיט יעדע ווארט וואס דו דאווענסט צום אייבערשטן; דער רבי זאגט (ליקוטי מוהר״ן, חלק ב׳, סימן כה): אז עס גייט ארויף אזעלכע שעשועים צום אייבערשטן. איך בעט דיר טייערע ..., שטארק דיר, און פארליר דיך נישט; דער אייבערשטער האט נישט פארגעסן פון דיר, און דער אייבערשטער האט פאר דיר אנגעגרייט דיין ישועה אויף וואס דו דארפסט, ער ווארט נאר אויף דיינע תפילות.

דער רבי זאגט (חיי מוהר״ן, סימן שיד): ״הַפָּחוּת שֶׁבַּאֲנָשַׁי אֲנִי מוֹלִיךְ אוֹתוֹ בְּדֶרֶךְ שֶׁל צַדִּיק גָּדוֹל מְאֹד״, דעם קלענסטן פון מיינע מענטשן פיר איך אויף דעם וועג ווי גרויסע צדיקים גייען; נאך האט דער רבי געזאגט (שם, סימן שלב): ״אֲנִי נָהָר הַמְטַהֵר מִכָּל הַכְּתָמִים״, איך בין א טייך וואס רייניגט פון אלע שמוציגע פלעקן; פאר דעם אליין אז מיר ווייסן פון אזא רבי, דארפן מיר שוין זיין זייער פריילעך, אפילו דו האסט זיך נישט געהיטן פון עבירות רחמנא לצלן, און דו האסט זיך פארשמירט מיט ביטערע גראבע עבירות, דאך האבן מיר א טייך וואו מיר קענען זיך אפוואשן פון אלע שמוציגע פלעקן. אז מען פאלגט דעם רבי׳ן מיט התבודדות און מיטן סדר דרך הלימוד ווערט מען ריין.

א גוטן טאג.

...

בעזהשי״ת - יום ד׳ פרשת שלח, כ׳ סיון, שנת תשע״ז לפ״ק

## עצתו אמונה

**לכבוד מרת ... תחי'.**

איך האב ערהאלטן אייער בריוו.

איך האב הנאה אז ... וויל זיין וואויל און ער וויל זיין ערליך; דער אייבערשטער זאל אייך העלפן אז איר זאלט האבן נחת פון אים און פון אלע אייערע קינדער.

דאס וואס מען זעט אז א בחור'ל האט זיך ליב צו פיצן, ער זוכט ווי אזוי ער קען אויסקוקן גוט, און ווי אזוי ער קען ציען וכו', און די עלטערן פארשטייען דאס נישט און זיי הייבן זיך אן צו קריגן און אים אראפ רייסן אז ער זאל זיך נישט פיצן וכו'; איך מוז אייך זאגן אז איך פארשטיי זייער גוט דעם בחור, ער טראכט צו זיך: 'וואס פאר א גוט יאר האט מיר אויסגעפעלט צו ווערן 'בר מצוה'? ביז נעכטן האט מען מיר געפיצט, מען האט מיר געקויפט אפ-טו-דעיט העמעדער, מיין מאמע האט מיר אנגעטון טייט דענים הויזן, וואס פאר א גוט יאר דארף איך מיין גאנצע 'בר מצוה' - אז פון היינט דארף איך אנטון א פשוט'ע הויז? איך דארף גיין פון היינט אנגעטון יאנטשי וכו''?!" דער בחור פארשטייט נישט וואס מען וויל פון אים; נעכטן האסטו מיר געהאלפן אויסקוקן שטארי, וואס איז יעצט געשען?

איך האף אז איר פארשטייט וואס איך שרייב אייך; עלטערן וואס לייגן נישט אריין זייער קאפ, מח און לעבן אין די קליידער פון זייער קינד, אז דאס קינד זאל גיין אנגעטון וכו', דעמאלט ווען דער אינגל האט בר מצוה וויל ער גיין אנגעטון חסידי'ש.

וואויל איז פאר עלטערן וואס האבן שכל און זיי ווייסן וואס זיי ווילן; זיי וועלן זען נחת פון זייערע קינדער. איך פרעג א אינגערמאן שבת דא אין שול, וואס ער קומט מיט זיין אינגל אויסגעפיצט וכו', מיט דענים הויזן, און א קליינע מאדערנע קאפל: "זאג מיר, ווען דיין זון קומט אהיים אזוי אלץ בחור, וואלסטו געריסן קריעה; און ווען דו אליינס פיצט אים, און דו און דיין ווייב שאו-אפן זיך מיט אים, דער קינד ווערט אריין געצויגן אין דעם וועג, און נאכדעם וויל ער אויסקוקן אנדערש".

דערפאר דארפסטו דאנקען דעם אייבערשטן אז דיין זון גייט בר מצוה האבן, און ער וויל גיין אנגעטון חסידי'ש און ערליך. מרת ... תחי', גוטע קינדער נעמט מען נישט אראפ פון בוים; גוטע קינדער באקומט מען דורך אסאך תפילה, און אסאך וויינען צום אייבערשטן.

מוהרא"ש האט דערציילט, אז אמאל איז א איד געקומען צום הייליגן חפץ חיים זי"ע, און ער האט געבעטן א ברכה אויף גוטע קינדער, האט דער הייליגער חפץ חיים זי"ע גענומען א תהלים וואס איז געווען אויפגעבלאזן פון נאסקייט, און דאס געוויזן פאר דעם איד, און אים געזאגט: "דאס איז דער תהלים פון מיין מאמע ע"ה, וואו זי פלעגט יעדן טאג וויינען אז זי זאל האבן גוטע קינדער, אזוי איז מען זוכה צו גוטע קינדער".

דערפאר זאלסטו אסאך בעטן דעם אייבערשטער אז דו זאלסט זוכה זיין צו קינדער וואס וועלן באלייכטן דער וועלט; מיין נישט אז איר קענט נישט זוכה זיין צו האבן קינדער וואס וועלן זיין גרויסע צדיקים, עס זענען געווען גרויסע צדיקים וואס האבן ליכטיג געמאכט די גאנצע וועלט, און זיי האבן געהאט פשוט'ע עלטערן. בעט דעם אייבערשטער: "רבונו של עולם, העלף מיר אז איך זאל זוכה זיין צו קינדער און אייניקלעך וואס וועלן לערנען די הייליגע תורה, און וועלן נאר דיך דינען; רבונו של עולם, העלף מיר קינדער וואס וועלן ליכטיג מאכן די וועלט, קינדער וואס וועלן זיין דבוק צו דיר. העלף מיר אייבערשטער אז איך זאל וויסן ווי אזוי צו מחנך זיין מיינע קינדער, מיינע קינדער זאלן וועלן זיין ערליך און חסידי'ש, און זיי זאלן נישט זוכן צו זיין קאלט וכו'".

ווי מער מען בעט דעם אייבערשטן, און ווי מער א מאמע וויינט פאר אירע קינדער - באוואסערט זי איר גארטן. פונקט אזוי ווי ביימער און גראז וואקסן שיין, נאר דורכדעם וואס מען באוואסערט עס, אזוי אויך - און נאך מער וואקסט אויף א שיינע דור ערליכע אידן, אז מען זאגט יעדן טאג תהילים און מען בעט דעם אייבערשטן.

געדענק וואס איך שרייב אייך, אויב מען וויל אז די קינדער זאלן האבן א געפיל צו גיין אנגעטון ווי א ערליכע איד דארף צו גיין, דארף מען אנהייבן ווען זיי זענען נאך קליין וכו׳.

א גוטן טאג.

...

בעזהשי״ת - יום ה׳ פרשת שלח, כ״א סיון, שנת תשע״ז לפ״ק

**לכבוד ... ני״ו**

איך האב געזען די נייע ערליכע דעקליך פאר די אידישע קונטרסים, עס איז ערליך שיין; וואס זאל איך דיר זאגן, וואויל איז דיר און וואויל איז דיין חלק, אז דו דרוקסט די ספרים און קונטרסים פון מוהרא״ש ז״ל אזוי שיין און אזוי ערליך. חזק ואמץ, איך בעט דיר, שטארק דיר זייער, און זע יעדן טאג צו מאכן שענער און שענער דעם רבינ׳ס זאך.

מען קען הערן אין ברסלב ווי מען בענקט נאך ״דעם רבינ׳ס זאך״, מען שמועסט ״דאס איז יא דעם רבינ׳ס זאך״, ״דאס איז נישט דעם רבינ׳ס זאך״; אז מען לערנט דעם רבינ׳ס ספרים קען דיר קיינער נישט איינרעדן ״וואס איז יא דעם רבינ׳ס זאך״, ״וואס איז נישט דעם רבי׳נס זאך״. דער רבי האט אונז איבער געלאזט פינף ספרים: ליקוטי מוהר״ן; שיחות הר״ן; חיי מוהר״ן; ספר המידות; און סיפורי מעשיות; אז איינער וויל וויסן וואס דעם רבינ׳ס זאך איז, זאל ער זיך מאכן א שיעור אינעם רבינ׳ס ספרים, וועט ער שוין זען וואס איז דעם רבינ׳ס זאך.

דער רבי האט געוואלט אז מיר זאלן עוסק זיין אין הפצה; ר׳ נתן ז״ל האט פארציילט (חיי מוהר״ן) אז דער רבי פלעגט אונז אסאך מאל אנשרייען און פארשעמען, און אונז אנרופן ״איר זענט טריקענע ביימער, ווייל איר זענט נישט מקרב נאך אידישע קינדער צום אייבערשטן״; דאס איז דעם רבינ׳ס זאך, און אלעס אנדערש איז

נארישקייטן. ברסלב׳ער חסידות אן הפצה - איז ליצנות, און אלע תלמידים פון רבי׳ן האבן עוסק געווען יעדן טאג אין הפצה. ר׳ נתן האט געזאגט אפאר טעג פאר ער איז נסתלק געווארן: ״אייער עובדא זאל זיין יפצו מעינותיך חוצה״; דערפאר, ווען דו הערסט ווי איינער זינגט זיך ״דעם רבינ׳ס זאך״, ״דאס איז יא דעם רבינ׳ס זאך״, ״דאס איז נישט דעם רבינ׳ס זאך״, זאלסטו גוט קוקן צי יענער איז עוסק אין הפצה, ווייל אן הפצה און אן דעם וואס א מענטש זאל העלפן צוריק ברענגען נאך א אידיש נפש צום אייבערשטן - איז אלעס דמיונות.

שטארק דיך, און יעדן טאג זאלסטו אראפ נעמען אפאר מינוט און גיין אויף א פלאץ וואו קיינער איז נישט דארט, און זיך אויסגיסן דיין הארץ צום אייבערשטן; זאלסט אים אלעס דערציילן - אלע דיינע וויטאגן און אלע דיינע ספיקות, זאג אים אלעס וואס גייט אויף דיר אריבער. דו קענסט זיך נישט פארשטעלן וואס התבודדות איז, דער רבי זאגט (ליקוטי מוהר״ן, חלק ב׳, סימן כה): ״הִתְבּוֹדְדוּת הִיא מַעֲלָה עֶלְיוֹנָה וּגְדוֹלָה מִן הַכֹּל״, עס איז דער גרעסטער זאך וואס מען קען נאר טון; דערפאר פארלייגט זיך דער ס״מ זייער שטארק אז מען זאל נישט ארויס זאגן אווארט פון מויל צום אייבערשטן.

דער רבי האט דערציילט (סיפורי מעשיות, מעשה מבערגיר ועני) אז דער רוצח האט געזאגט פארן בת קיסר: ״אויב דו געבסט איין שריי, וועל איך דיר דערווערגן און הרג׳ענען״. ווייל דער רוצח דאס איז דער ס״מ, און ער האט זייער מורא אויב א מענטש געבט איין געשריי צום אייבערשטן, ווייל מיט איין שריי וואס מען שרייט צום אייבערשטן ווערט ער אויסגעמעקט, און אלע עבירות וואס מען האט נעבעך געטון ווערן אפגעווישט, און מען ווערט זייער נאנט צום אייבערשטן.

דער עיקר דארפן מיר געדענקען נישט צו מאכן קיין ביזנעס פון ׳קרן הדפסה׳, נאר מען דארף זען אז די מפיצים זאלן עס קענען באקומען פאר גאר ביליג; בחינם איז נישט כדי צו געבן, ווייל דער וועלט זאגט: ״בחינם האט מען כינים״, און דערפאר האט מוהרא״ש ז״ל געזאגט שטענדיג פאר די מפיצים אז זיי זאל בעטן געלט פאר די

קונטרסים, ווייל אז מען געבט דאס בחינם איז דאס זייער ביליג, און עס האט נישט קיין ווערד. דערפאר איז נישט כדאי צו געבן די ספרים אומזיסט, נאר מען מוז באצאלן פאר די ספרים. אבער געדענק צו האלטן די פרייז זייער נידעריג, בפרט פאר די מפיצים וואס נעמען גאר אסאך ספרים - פאר זיי דארף מען עס געבן פאר גאר ביליג.

דער אייבערשטער זאל דיר העלפן אז דו זאלסט האבן הצלחה בזכות דעם וואס דו ביסט משמש דעם רבי'ן אזוי געטריי.

א גוטן טאג.

...

בעזהשי"ת - יום ד' פרשת שלח, כ' סיון, שנת תשע"ז לפ"ק

**לכבוד מרת ... תחי'.**

דיין מאן ... ני"ו איז צו מיר צוגעקומען נאכן שיעור און מיר געזאגט אז דו ביסט אנגעווייטאגט אויף די פרויען וואס מאכן די פרויען צוזאמקום, אז מען האט דיר נישט גערופן; דו שפירסט ווי מען שטופט אוועק מענטשן.

וויל איך אייך זאגן אז דאס האט נאר מיט מיר; די פרויען וואס רופן יעדע מאל צו א שיעור - די זענען נישט שולדיג, נאר עס איז מיין טעות; אדרבה, מען האט מיר געפרעגט צי מען זאל אייך רופן, און נאך פרויען וואס וואוינען אין דשערזי סיטי, האב איך געזאגט אז מען זאל נישט רופן, ווייל עס איז מן הסתם שווער - אפילו איין מאל א חודש צו קומען, און יעצט אז מען האט אנגעפאנגען צו מאכן צוויי מאל א חודש, האב איך געזאגט אז מען זאל נישט רופן.

אבער איך זע אז איך בין נישט גערעכט געווען, ווייל מיר דארפן רופן, און יעדער זאל טון ווי אזוי עס איז באקוועם פאר אים. דערפאר בעט איך אייך אז איר זאלט נישט זיין ברוגז אויף מיר, פון היינט אן וועט מען אייך רופן, ווייל דער שיעור וואס מיר

מאכן איין מאל אינמיטן חודש דאס איז בעיקר פאר מיינע תלמידים, און דאס איז מער פריוואט, און ווער איז מיר נאך אזא נאנטע תלמיד ווי אייער מאן.

איך האב זייער הנאה אז דיין מאן קומט צו די שיעורים מאנטאג נאכט, ווי מען איז זיך מחזק און מען חזר'ט נאכאמאל איבער דעם רבינ'ס עצות; דער רבי וויל פון אונז אז מיר זאלן רעדן צום אייבערשטן, און יעדע זאך וואס גייט אריבער אויף אונז זאלן מיר אים דערציילן. וואויל איז פאר א מענטש וואס געוואוינט זיך צו, און טוט די ליכטיגע עצה יעדן טאג, און אלעס וואס גייט אריבער אויף אים פארציילט ער פארן אייבערשטן.

נאכאמאל, זיי נישט ברוגז אויף קיינעם, עס איז געווען א טעות.

א גוטן טאג.

...

בעזהשי"ת - יום ד' פרשת שלח, כ' סיון, שנת תשע"ז לפ"ק

**לכבוד ... ני"ו**

איך האב דיר טאקע צוגעזאגט א שידוך, אבער אזוי ווי דו האסט אנגעפאנגען צו טון נארישקייטן - דו לאזט זיך וואקסן א טשופ - ווייס איך שוין נישט וואס צו טון, ווייל די מיידלעך פון אונזער סקול ווילן נישט א בחור וואס האט א טשופ, זיי ווילן אלע אויפשטעלן א שיינע ערליכע שטוב מיט חסידי'שע קינדער.

דערפאר בעט איך דיר טייערע ... ני"ו, מאך נישט נאך די גוים, און לאז דיך נישט וואקסן א טשופ; מען זעט אז ווען אלישע האט זיס געמאכט די וואסער האבן אים קינדער נאכגעשריגן און נאכגעשפעט, עס שטייט דארט (מלכים-ב ב, כד): "וַיִּפֶן אַחֲרָיו וַיִּרְאֵם", ער האט זיך אויסגעדרייט צו זיי און זיי אנגעקוקט, און ער האט זיי געשאלטן, דערנאך זענען צוויי בערן ארויסגעקומען פון וואלד און אויפגעגעסן די קינדער. פרעגן חז"ל (סוטה מו:): "מַה רָאָה", וואס האט ער געזען אז ער האט זיי

געשאלטן? "רֶבִּי יִצְחָק נַפְחָא אָמַר, בְּלוֹרִית רָאָה לָהֶן כָּאֱמוֹרִיִּים", ער האט געזען אז זיי האבן געהאט זייער האר אזוי ווי די גוים.

אז דו וועסט זיך אפשערן אזוי ווי א ערליכער איד שערט זיך אפ, און אכטונג געבן נישט אנצורירן דיינע פיאות - זאג איך דיר צו אז דו וועסט טרעפן א גוטע שידוך.

איך האב זייער הנאה פון דיר יעדעס מאל ווען איך זע דיר מיט א משניות אדער מיט א תהילים, דאס איז מיין נחת אז איך קען מזכה זיין נאך א בחור מיט לימוד התורה.

א גוטן טאג.

...

בעזהשי"ת - יום ה' פרשת שלח, כ"א סיון, שנת תשע"ז לפ"ק

**לכבוד האברך היקר לי מאוד, הר"ר ... ני"ו**

איך האב ערהאלטן דיין בריוו.

איך וועל דיר ענטפערן אל ראשון ראשון ועל אחרון אחרון.

בנוגע וואס דו פרעגסט מיר, היתכן אז איך רעד צו די בחורים אז מען זאל לערנען יעדן טאג א דף גמרא, בשעת אלע גדולים זענען ארויס אנטקעגן 'לימוד דף היומי'; וויסן זאלסטו אז ר' מאיר שפירא ז"ל האט אריינגעברענגט דעם לימוד ביי כלל ישראל, און ער האט דאס באקומען א מתנה פון רבי'ן. ברסלב'ער חסידים האט מען שטענדיג גע'רודפ'ט און מבזה געווען, און ווען די גרעניצן פון פוילן זענען געווען פארמאכט און מען האט נישט געקענט פארן קיין אומאן אויף ראש השנה, האט ער מסכים געווען אוועק צו געבן זיין ישיבה פאר אנשי שלומינו, אז מען זאל האבן א פלאץ וואו מען קען דאווענען צוזאמען ראש השנה, און ער אליין האט מיט

געדאווענט מיט אנשי שלומינו. האט מוהרא"ש ז"ל געזאגט אז דער רבי האט אים געגעבן דערפאר א מתנה, אז ער זאל אריין ברענגען דעם לימוד ביי כלל ישראל.

נאכדעם איז געקומען די אגודת ישראל פארטיי און זיי האבן געזוכט ווי אזוי זיי קענען פארדרייען די וועלט און אלע גדולים וכו', כאילו זיי טוען אויף, און זיי ברענגען אריין לימוד התורה וכו', האבן זיי אויסגערופן דעם לימוד ביי זייער כנסיה הגדולה; למעשה זענען געווען צדיקים וואס האבן דעמאלט געזאגט אז מען זאל נישט לערנען מיט זייער וועג, כדי מען זאל זיי נישט געבן קיין חיזוק, אבער ווי עס שטעלט זיך ארויס האט דאס גארנישט צו טון מיט אגודת ישראל. היינט צוטאגס ווען א בחור אדער אינגערמאן לערנט יעדן טאג דעם דף גמרא, האט דאס נישט קיין שום שייכות מיט אגודת ישראל; דער גאנצער פארטיי איז שוין צעשפליטערט און צעטיילט אויף עקסטערע פארטייען, ווייל יעדער פון זיי זוכט נאר כבוד און געלט, און מען זעט היינט צוטאגס אז זייער גאנצע כוונה איז נאר געלט און כבוד וכו'. אבער ווען איינער לערנט היינט דעם לימוד האט דאס גארנישט מיט זיי; פארקערט, יעדע דף גמרא וואס א מענטש איז זוכה צו לערנען ברענגט ער אריין אין זיך דעם אייבערשטן, און מיט יעדע דף גמרא וואס מיר לערנען, וועלן מיר זוכה זיין אז עס וועט מקוים ווערן דעם פסוק (זכריה יג, ב): "וְהָיָה בַיּוֹם הַהוּא נְאֻם ה' צְבָאוֹת, אַכְרִית אֶת שְׁמוֹת הָעֲצַבִּים מִן הָאָרֶץ, וְלֹא יִזָּכְרוּ עוֹד; וְגַם אֶת הַנְּבִיאִים וְאֶת רוּחַ הַטֻּמְאָה אַעֲבִיר מִן הָאָרֶץ".

בנוגע דאס וואס דו פרעגסט, אויב מען קען רעדן צום אייבערשטן אויף א פלאץ ווי מען איז נישט ריין וכו'; מוהרא"ש האט דערציילט ביי א שיעור, אז ער האט געהערט פון אלטע ברסלב'ער אידן וואס האבן געוואוינט אין אומאן, אז עס איז געווען א ברסלב'ער חסיד, א שוסטער א פשוט'ער איד, און ווען מען פלעגט אריין קומען צו אים אין זיין געשעפט האט מען געזען א מורא'דיגע בילד פאר זיך; דער שוסטער פלעגט שטיין און האקן מיטן האמער אויף די שיך און רעדן צום אייבערשטן, און ער איז געווען אזוי פארטיפט אין רעדן צום אייבערשטן, אז ער פלעגט ניטאמאל באמערקן אז איינער איז אריין געקומען אין געשעפט. נאכדעם וואס

ער האט באמערקט ווי איינער שטייט דארט, פלעגט ער זיך אנרופן און פרעגן: "איך האב א שאלה; איך ארבעט מיט שיך, און ווען מען כאפט אן די שיך ווערט מען טמא, און איך וויל רעדן צום אייבערשטן, וויל איך וויסן צי איך מעג רעדן צום אייבערשטן".

מוהרא"ש האט פארציילט אז ער האט געהערט די מעשה פון עטליכע מענטשן, וואס זיי האבן נישט געוואוסט וואס אים צו ענטפערן; בשעת מוהרא"ש האט דערציילט די מעשה האט א אינגערמאן אריין געפרעגט אינמיטן שיעור: "למעשה, מעג מען רעדן צום אייבערשטן אויף א פלאץ וואס מען טאר נישט לערנען, אדער ווען מען איז נישט געוואשן די הענט?" האט מוהרא"ש געזאגט: "עס איז 'הלכה ואין מורין כן'"; דאס הייסט, עס איז דא הלכות וואס מען קען נישט זאגן אז מען זאל אזוי טון. אמאל האב איך געהערט ווי איינער טענה'ט זיך מיט א צווייטן איבער דעם און זאגט יענעם: "ווען דו גייסט אריין אין בית הכסא, וואס על פי הלכה טאר מען נישט רעדן דארט, אבער ווען מען זעט אז מען האט נישט קיין פאפיר זיך צו רייניגן, קלאפט מען, און מען זאגט טאטע איך דארף פאפיר, מאמע איך האב א פראבלעם וכו', דאס זעלבע - זאגט ער אים - אודאי איז נישט מיין ערשטע פלאץ צו רעדן צום אייבערשטער דארט, אבער ווען איך שטיק מיר, און איך שפיר ווי איך האלט עס נישט אויס, פרעג איך נישט קיינעם וואס צו טון וכו'".

דאס וואס דו פרעגסט מיר, היתכן מען לערנט אין היכל הקודש מיט אברכים אנטקעגן פרישות וחומרות; מען זאגט נאך פון ר' אברהם ב"ר נחמן ז"ל דעם דיבור וואס ער פלעגט זאגן פאר אלע אינגעלייט, ווען מען פלעגט אים בעטן הדרכה אין הנהגות וכו', פלעגט ער זאגן: "קינדערליך היט אייך פון כריתות", נאך האט ער געזאגט: "ווען מען מעג, מעג מען אלעס וכו'". באמת איז זייער שווער צו שרייבן איבער דעם ענין וכו', אבער איין זאך זאלסטו וויסן, אז דער יצר הרע קומט צו א מענטש מיט א פרומע פנים, ער לייגט אים צו חומרות, און ער ווייזט אים הנהגות פון פרישות וכדומה, אלעס מיט איין ציל, אז דער מענטש זאל צו קומען צו עבירות! איך זאג פאר די אינגעלייט און חתנים נאר וואס עס שטייט אין שלחן ערוך; אדרבה, די

אלע וואס זאגן אז דאס טאר מען נישט, און דאס טאר מען נישט וכו׳ וכו׳, די אלע גייען אוועק פון הלכה, און אויף דעם איז געזאגט געווארן (סנהדרין כט.): ״כל המוסיף גורע״.

אינטערסאנט איז, אז מען רעדט איין פאר אינגעלייט וכו׳, און מען שרעקט אן מיט עונשים, מען ווארענט מיט קראנקע קינדער וכו׳, בשעת וואס חז״ל זאגן (נדרים כ:): ״אֵין הֲלָכָה כְּיוֹחָנָן בֶּן דְּהֲבַאי, אֶלָּא כָּל מַה שֶׁאָדָם רוֹצֶה לַעֲשׂוֹת וְכוּ׳ עוֹשֶׂה וְכוּ׳״; קומט אויס אז מען לערנט מיט אברכים ליגנט, וואס געשעהט שפעטער ווען דער אינגערמאן געפונט אויס אז מען האט אים סתם פארפירט? ערווארפט אלעס אראפ פון זיך, און ער ווערט א פורק עול. איך וועל רעדן מיט דיר פנים בפנים, ווייל עס איז מיר שווער צו שרייבן דברים שהצניעות יפה להם.

אויף דעם וואס דו פרעגסט מיר וואס איז פשט פון דער נאמען ׳מוהרא״ש׳; דאס איז זייער פשוט. ווייל די אלע תלמידים וואס האבן זוכה געווען צו לערנען ביי מוהרא״ש האבן נישט געוואוסט ווי אזוי אים צו רופן, ווייל פון איין זייט איז דא א הלכה (רמב״ם, פרק ה׳ מהלכות תלמוד תורה, הלכה ה) אז מען טאר נישט רופן א רבי ביים נאמען, און ווער עס רופט זיין רבי ביים נאמען איז אן אפיקורס, פון דער צווייטער זייט האבן זיי נישט געוואלט רופן מוהרא״ש ׳רבי׳, ווייל דער רבי איז דער רבי, האט מען געמאכט דער נאמען פון די ראשי תיבות פון מוהרא״ש׳ס נאמען.

דער עיקר דארף מען בעטן דעם אייבערשטן אז מען זאל זיך נישט לאזן נארן, ווייל דער הייליגער רבי האט געזאגט (שיחות הר״ן, סימן נא): ״אֶת זֶה תְּקַבְּלוּ מֵאִתִּי, שֶׁלֹּא לְהַנִּיחַ עַצְמוֹ לְהָעוֹלָם לְהַטְעוֹת״, דאס זאלט איר מקבל זיין פון מיר די וועלט נארט אייך, לאזט אייך נישט נארן; מוהרא״ש האט געהאלטן אין איין חזר׳ן דער שיחה, און מוהרא״ש ז״ל האט געזאגט אז דער שיחה דארף זיין דער קאמפאס פונעם מענטש; פונקט אזוי ווי א מענטש, ווען ער פארט אויף א שיף אינמיטן די וואסער, דארף ער האלטן מיט זיך די גאנצע צייט א קאמפאס כדי ער זאל וויסן צי ער פארט גראד אדער ער האלט זיך אין איין ארומדרייען, ווייל אינמיטן וואסער זעט מען דאך נישט דעם

סוף, און עס קען אויסקומען אז מען זאל פארן א לאנגע צייט אין וואסער, און באמת איז מען געפארן א גאנצע צייט ארום און ארום, (אזוי האט דער אייבערשטער געמאכט, אז א מאגנעט - פון וואס דער קאמפאס איז געמאכט - ציט שטענדיג אויף צפון), ממילא אז ער האלט מיט זיך דעם קאמפאס קען ער אנקומען ערגעץ, אבער אויב האט ער נישט דעם קאמפאס, קען זיין אז א גאנץ לעבן וועט ער זיך האלטן אין איין ארום דרייען אויף איין פלאץ.

דאס זעלבע דארף א מענטש לעבן מיט א חשבון הנפש; א מענטש דארף זיך משפט'ן יעדן טאג, און אסאך בעטן דעם אייבערשטן: "רבונו של עולם, אפשר נאר איך זיך? רבונו של עולם, איך וויל גארנישט, איך וויל נאר טון דיין רצון". א מענטש דארף שטענדיג קוקן אויף זיך; אזוי ווי מען זעט אז בגשמיות לאזט זיך א מענטש נישט נארן, נאר ער טוט וואס איז גוט פאר אים; ער קוקט ווי אזוי ער קען מצליח זיין און ווי ער קען עפעס פארדינען, דאס זעלבע - און נאך מער - דארף א מענטש קוקן ברוחניות 'וואו קען איך פארדינען?' 'וואו קען איך מצליח זיין?' א מענטש וואס לעבט מיט א חשבון מאכט זיך א פשוט'ער חשבון: "איך האב א רבי וואס קען מיר צו ברענגען צו אזעלכע גרויסע מדריגות; א רבי וואס קלעבט מיר צו צום אייבערשטן; אויב אזוי, וואס גייט מיר אן צי מיין רבי האט רוח הקודש, אדער ער ווייסט אלע שרשי נשמות, דאס אז ער קען מיך - פשוט'ער מענטש - מאכן רעדן צום אייבערשטן, איז אסאך גרעסער פון רוח הקודש און פון וויסן אלע שרשי נשמות".

דאס וואס דו פרעגסט מיר, היתכן מען שרייבט אזוי אפען פון פגם הברית וכו' וכו'; וואס זאל איך דיר זאגן, ווער עס איז נישט עוסק מיט בני הנעורים האט נישט קיין אנאנג וואס עס גייט אריבער אויף בחורים און מיידליך, ווי זיי פאלן רחמנא לצלן אין הארבע עבירות, אבער דער וואס איז אפילו אביסל עוסק אין דעם - דער ווייסט אז דיקא די ספרים ראטעווען דעם דור. אודאי קומט דער שטן און ער פארשעמט די ספרים וכו', אבער וויסן זאלסטו, אז מוהרא"ש ז"ל האט מיר געזאגט א וואך פאר זיין

פטירה: "איך זע אז דער דור פאלט נאך טיפער, און איך זע אז איך האב נאך גארנישט געשריבן וכו'".

א מענטש וואס איז נישט קיין דאקטער, ווען ער קומט אין שפיטאל און ער זעט ווי דער דאקטער טוט אזוי און ער טוט אזוי, דער קען נישט אריין רעדן און זאגן פארן דאקטער דיעות. נאר מען זאגט אים שטיי אין דער זייט וכו'; די זעלבע זאך דארף א מענטש וויסן, אז ווען ער קומט צו א צדיק דארף ער געדענקען צו שטיין אין דער זייט און זיך לאזן היילן.

איינע פון די מ"ח דברים שהתורה נקנית בהן איז (אבות ו, ו): "הַמַּכִּיר אֶת מְקוֹמוֹ", א מענטש זאל וויסן וואו זיין פלאץ איז; מען הערט ווי מענטשן רעדן מיט א ברייטקייט, דאס פארשטייט ער יא וואס דער צדיק האט געזאגט, און דאס פארשטייט ער נישט וכו'; איין מינוט, ווער ביסטו בכלל אריין צו רעדן אין זאכן וואס צדיקים זאגן?! און איינמאל א מענטש איז הַמַּכִּיר אֶת מְקוֹמוֹ, קומט נאכדעם (אבות ד, א): "הַשָּׂמֵחַ בְּחֶלְקוֹ", אז א מענטש איז פרייליך, אבער דאס איז נאך הַמַּכִּיר אֶת מְקוֹמוֹ, ער ווייסט וואו ער שטייט איין, און אזוי קומט ער צום צדיק.

איך דארף אריין גיין צו די בחורים; זייווארטן אויף מיר. איך וועל דיר נאך שרייבן מער באריכות.

א גוטן טאג.

...

בעזהשי"ת - ערב שבת קודש פרשת שלח, כ"ב סיון, שנת תשע"ז לפ"ק

**לכבוד ... ני"ו**

וויסן זאלסטו אז אויבן אין הימל קוקט מען גאר אנדערש אויף א מענטש ווי מיר קוקן דא; חז"ל זאגן (בבא בתרא י:): "יוֹסֵף בְּרֵיהּ דְּר' יְהוֹשֻׁעַ חֲלַשׁ", יוסף דער זון פון רבי יהושע האט גע'חלש'ט, "אִינְגִּיד", און ער איז געשטארבן, דערנאך איז ער

צוריקגעקומען צו זיך, "אָמַר לֵיהּ אָבוּהָ: מַאי חָזִית?" ווען ער האט זיך אויף געוועקט, פרעגט אים זיין טאטע: וואס האסטו געזען דארט אויבן אין הימל? "אָמַר לֵיהּ עוֹלָם הָפוּךְ רָאִיתִי, עֶלְיוֹנִים לְמַטָּה וְתַחְתּוֹנִים לְמַעְלָה", זאגט ער: איך האב געזען א פארקערטע וועלט; די אלע וואס זענען חשוב דא אויף דער וועלט זענען אויבן נישט חשוב, און די אלע וואס זענען דא נישט חשוב זענען אויבן יא חשוב "אָמַר לֵיהּ: עוֹלָם בָּרוּר רָאִיתָ", זאגט אים זיין טאטע: דו האסט נישט געזען א פארקערטע וועלט, דו האסט געזען א שיינע וועלט, אן אמת'ער וועלט; ווייל אויבן קוקט מען נישט ווער עס האט געלט, אויבן קוקט מען ווער עס קען זיך דערהאלטן, און אויף ווער עס קומט צוריק צום אייבערשטן און בעט איבער דעם אייבערשטן יעדן טאג.

עס שטייט אין זוהר הקדוש אז ווען א מענטש גייט צופרי אין שול דאווענען מיט זיין טלית ותפילין, רופט מען אויס אין אלע וועלטן: "קומט געבן כבוד פאר דעם און דעם מענטש וואס גייט אנטון טלית ותפילין"; און ווען א מענטש וואלט ווען געקענט זען וואס עס טוט זיך אפ אויבן אין הימל ווען ער ברעכט דורך אלע זיינע שוועריקייטן און גייט אין שול, ווי אלע מלאכים טאנצן פאר אים און שאלן פאר אים, וואלט דער מענטש נישט געווען אזוי צעבראכן, נאר ער וואלט געלאפן מיט חשק און שמחה אין שול.

דערפאר טייערע ליבער ... קוק נישט וואס איז געווען ביז יעצט, און הייב אן פון דאסניי, גיי אין שול, טו אן טלית ותפילין, קוק נישט אויף קיינעם, טראכט נישט פון קיינעם דו גיי נאר צום אייבערשטן, בכלל דארפסטו וויסן אז א מענטש האט נישט קיין חברים, א חבר איז נאר איינער וואס איז מחזק דעם מענטש ער זאל ווייטער אנגיין מיט תורה תפילה ומעשים טובים, די אלע וואס מיינען אז זיי האבן חברים, זיי טוען אלעס נאר ווייל זיי טראכטן אז אזוי וועלן זיי מער געפעלן פאר זייערע חברים, און די אלע ווערן פארשווארצט אויף דער וועלט.

זע צו גיין אין מקוה יעדן טאג; דער הייליגער מאור ושמש זאגט (פרשת אמור) אז ש"ץ ימ"ש איז געווארן אפיקורס נאר ווייל ער איז נישט געווען נזהר אין טבילת עזרא,

און ער האט עוסק געווען אין קבלה און גיין אין מקוה. און דער בעל שם טוב זי״ע האט געזאגט פאר זיינע תלמידים ער איז צוגעקומען צו אלע זיינע מדריגות ווייל ער האט זיך אסאך גע׳טובל׳ט אין מקוה. ווייל ווי מער א מענטש גייט אין מקוה און ער טובל׳ט זיך איז ער ממשיך אויף זיך מער טהרה; דערפאר זאלסטו זען צו גיין אין מקוה, וועסטו זוכה זיין צו ווערן נענטער צום אייבערשטן.

הלוואי וואלסטו געגאנגען אביסל הפצה יעדן טאג; דו קענסט זיך נישט פארשטעלן וואס עס גייט אריבער אויף אידישע קינדער - בפרט אויף בחורים און מיידליך. זיי ווילן זיין ערליך, אבער זיי האלטן אין איין אראפפאלן אין הארבע עבירות, ביז זיי דרייען זיך ארום מיט גאר שלעכטע מחשבות פון זיך נעמען דאס לעבן רחמנא לצלן, און דיקא די ספרים און קונטרסים וואס מוהרא״ש האט געשריבן אלע יארן, דאס רעדט צו זיי, און דאס ראטעוועט זיי; וואויל איז פאר דעם וואס איז עוסק אין הפצת ספרי רבינו בעולם, ער איז עוסק בתיקון העולם.

דער רבי זאגט (ספר המידות, אות ניאוף, סימן מא): ״תִּקּוּן לְהוֹצָאַת זֶרַע לְבַטָּלָה - שֶׁיִּשְׁתַּדֵּל לְהַחֲזִיר בְּנֵי-אָדָם בִּתְשׁוּבָה״, ווער עס וויל פארעכטן זיינע עבירות, זאל צוריק ברענגען מענטשן צום אייבערשטן, און עס איז נישט דא קיין גרעסערע זאך ביים אייבערשטן ווי הפצה. דער זוהר הקדוש זאגט (תרומה קכ״ח): ״תָּא חֲזֵי, כָּל מַאן דְּאָחִיד בְּיָדָא דְּחַיָּיבָא וְאִשְׁתַּדַּל בֵּיהּ, לְמִשְׁבַּק אָרְחָא בִּישָׁא, קום און זע - זאגט דער הייליגער זוהר: א מענטש וואס ברענגט צוריק זינדיגע מענטשן צום אייבערשטן, אִיהוּ אִסְתַּלָּק בִּתְלַת סְלוּקִין, מַה דְּלָא אִסְתַּלָּק הָכִי בַּר נָשׁ אַחֲרָא. גָּרִים לְאַכְפְּיָיא סִטְרָא אַחֲרָא. וְגָרִים דְּאִסְתַּלַּק קוּדְשָׁא בְּרִיךְ הוּא בִּיקָרֵיהּ. וְגָרִים לְקַיְּימָא כָּל עָלְמָא בְּקִיּוּמֵיהּ לְעֵילָּא וְתַתָּא, דער מענטש איז זוכה ארויף צו גיין אויף א פלאץ וואס קיין שום מענטש איז נישט זוכה; דער מענטש נעמט אוועק טומאה פון דער וועלט, און ער מאכט אז דער אייבערשטער׳ס נאמען זאל ווערן געהייליגט אויף דער וועלט, און דער מענטש איז גורם אז אלע וועלטן שטייען אויף זיין זכות. וְזָכֵי לְמֶחמֵי בְּנִין לִבְנוֹי, ער איז זוכה צו זען קינדער און אייניקלעך, וְזָכֵי בְּהַאי עָלְמָא, וְזָכֵי לְעָלְמָא דְּאָתֵי, און ער איז זוכה צו אלע גוטע זאכן

אויף דער וועלט און אויף יענער וועלט, כָּל מָארֵי דִּינִין, לָא יַכְלִין לְמֵידָן לֵיהּ, בְּהַאי עָלְמָא וּבְעָלְמָא דְּאָתֵי, קיינער קען אים נישט שלעכט׳ס טון, נישט אויף דער וועלט און נישט אויף יענער וועלט, עָאל בִּתְרֵיסַר תַּרְעֵי, וְלֵית מַאן דְּיִמְחֵי בִּידֵיהּ, ער גייט אריין אין דרייצן טויערן פון שערי רחמים, און קיינער קען אים נישט צוריק האלטן״.

יעצט האט מען איבער געדרוקט אלע אידישע קונטרסים אויף א הערליכע פארנעם, מיט שיינע דעקלעך, וואס דאס ציט דעם מענטש עס צו לערנען.

זיי געזונט און שטארק, און האב הצלחה.

...

בעזהשי״ת - ערב שבת קודש פרשת שלח, כ״ב סיון, שנת תשע״ז לפ״ק

**לכבוד מרת ... תחי׳**

אי״ה קומענדיגע וואך מיטוואך וועט זיין א פרויען שיעור, איך האף אז דו וועסט קומען, ווייל דאס וועט זיין די לעצטע פרויען שיעור פאר תשע״ז לפ״ק; מיר פארן שוין אין קעמפ מיטן אייבערשטנס הילף אין צוויי וואכן, און גלייך נאך קעמפ פארן מיר שוין צום הייליגן רבי׳ן קיין אומאן אויף ראש השנה.

זע צו זיין פרייליך, ווייל אז די מאמע איז פרייליך זענען אלע פרייליך.

דו קענסט זיך נישט פארשטעלן וואסערע נחת דער אייבערשטער האט פון די אידישע פרויען; די גאס איז אזוי עקעלדיג זוממער, די גוים גייען אויסגעטון ווי די חיות וכו׳, און מען זעט ווי די אידישע פרויען גייען אנגעטון אין די גרעסטע היצן בצניעות, דאס איז דער גרעסטער נחת רוח פארן אייבערשטן.

זאלסט האבן א פרייליכן שבת.

...

בעזהשי״ת - ערב שבת קודש פרשת שלח, כ״ב סיון, שנת תשע״ז לפ״ק

**לכבוד ... ני״ו**

מזל טוב פאר דיין סיום פון 90 מאל ששה סדרי משנה; דו קענסט זיך נישט פארשטעלן דאס גרויסקייט פון משניות, חז״ל זאגן (מדרש ויקרא רבה, פרשה ו): ״אין כל הגליות הללו מתכנסות אלא בזכות משניות״, משיח וועט קומען נאר בזכות וואס מען לערנט משניות, נאך זאגן חז״ל (סנהדרין): ״במי אתה מוצא מלחמתה של תורה? במי שיש בידו חבילות של משנה״. מען קען זיך גארנישט פארשטעלן וואסערע כח משניות האט, און וואס עס טוט פארן מענטש. מיר זאגן יעדן טאג ביים דאווענען (תהלים ל): הֶ׳עֱלִיתָ מִ׳ן שְׁ׳אוֹל נַ׳פְשִׁי דאס איז ר״ת משנה, אז א מענטש זאגט משניות נעמט עס ארויס דעם מענטש פון שואל תחתית.

דו האסט מיר געבעטן איך זאל דיר שרייבן וועגן שמירת עניים, ווייל עס איז דיר זייער שווער; דו שטייסט אין געשעפט, און דו דארפסט זיין באשעפטיגט מיט פרויען. איך וועל דיר פארציילן א מעשה וואס מוהרא״ש ז״ל האט דערציילט, א תלמיד פון הייליגן בעל שם טוב זי״ע האט געבעטן זיין רבי אז ער וויל זוכה זיין צו האבן ריינע אויגן, האט אים דער בעל שם טוב געזאגט אז ער זאל פארן קיין אדעסא צו דעם און דעם איד, און דארט זיין פאר א שטיקל צייט, ווען דער תלמיד איז אנגעקומען דארט האט ער געזען אז דארט וואוינט א איש פשוט, זיין פרנסה איז געווען ער איז געווען א טרעגער, ער פלעגט גיין צום פארט אינדרויסן פון שטאט, אראפ שלעפן די פעקלעך פון די שיפן, און עס ארום טראגן אין דעם גאנצן שטאט.

דער תלמיד איז דארט געווען א שטיק צייט און ער האט גארנישט געזען ביי דעם איד, עס איז אים געווען א וואונדער פארוואס זיין רבי האט אים געהייסן קומען דא צו דעם איד. נאך א שטיקל צייט וואס ער איז דארט געווען האט ער געטראכט אז ער גייט שוין אהיים פארן און פרעגן זיין רבי אז ער האט גארנישט געזען.

איינמאל איז ער געווען אין שטוב אליין ער האט זיך אביסל אראפ געלייגט, אזוי ליגענדיג אין בעט זעט ער א קליין פענסטערל פון אויבן נעבן דעם דאך, איז ער געווארן זייער נייגעריג און געוואלט קוקן וואס מען קען דארט זען. ער האט גענומען

א טיש און צו געריקט צום וואנט, און אויפן טיש האט ער געלייגט א בענקל און אויפן בענקל האט ער געלייגט א רענצל, און ער האט זיך אויפגעשטעלט קוקן וואס דארט טוט זיך, האט ער געזען אז אינעם הויף זענען דא גוים און גוי׳טעס, און זיי טוען מיאוסע זאכן וכו׳, האט ער גלייך פארמאכט די פענסטער, און ארויף געצויגן די פורהאנג, און אראפ געשפרינגען פון דארט.

ווען דער בעל הבית איז אהיים געקומען האט ער אים פארגעהאלטן "היתכן דו וואוינסט דא, מיט אזעלכע נידעריגע שכנים וכו׳?" און ער האט אים פארציילט די גאנצע מעשה וואס ער האט געזען. רופט זיך אן דער איד: "דו וואונדערסט זיך אויף מיר? איך ווינדער זיך אסאך מער אויף דיר, איך וואוין שוין דא איבער צוואנציג יאר און עס איז מיר קיינמאל נישט בייגעפאלן ארויס צו קוקן פון די פענסטער צו זען וואס די שכנים טוען דארט, און דו ביסט אינגאנצן דא אפאר טעג און דו האסט זיך נישט געקענט איינהאלטן צו קוקן וואס די גוים טוען". דער איד האט דאס געזאגט מיט אזא פשטות אז דער תלמיד איז זייער נתעורר געווארן פון זיינע ווערטער, און ער איז געווארן זייער נתפעל ווי אזוי קען זיין אז דער איד וואוינט דא צווישן נידעריגע גוים און עס אינטערסירט אים נישט וואס זיי טוען, האט ער שוין פארשטאנען פארוואס זיין רבי האט אים אהער געשיקט.

דער רבי זאגט (ספר המידות, אות ראיה, סימן י): "מִי שֶׁעוֹצֵם עֵינָיו מֵרְאוֹת בְּרָע, עַל יְדֵי זֶה נִצּוֹל מִבִּזְיוֹנוֹת" ווער עס היט זיך זיינע אויגן ווערט ניצול פון בזיונות, יעדעס מאל ווען דו האסט א נסיון צו קוקן, זאלסטו טראכטן אז עס איז כדאי אכטונג צו געבן אויף די אויגן און נישט האבן בזיונות; דו האסט מיר פארציילט היינט ווי איינער האט דיר באוואשן אין געשעפט וכו׳ וכו׳, דו האסט געהאט ביטערע ביזיונות, זעסטו שוין אז עס איז כדי צו היטן די אויגן.

א גוט שבת.

...

לכבוד מרת ... תחי׳, מנהלת ... יצ״ו

איך האב ערהאלטן אייער בריוו.

וואויל איז דיר און וואויל איז דיין חלק אז דו ביסט מחנך אידישע קינדער אז זיי זאלן אויסוואקסן ערליכע אידישע מאמעס; דו דארפסט זיך זייער פרייען אז דו האסט אזא הייליגע ארבעט, וואס חז״ל זאגן (בבא בתרא ח:): אויפן פסוק (דניאל יב, ג): ״וּמַצְדִּיקֵי הָרַבִּים כַּכּוֹכָבִים לְעוֹלָם וָעֶד - אלו מלמדי תינוקות״. איינער וואס לערנט תורה מיט אידישע קינדער איז צוגעגליכען צו די שטערנס פון דער וועלט. מוהרא״ש ז״ל פלעגט דאס זייער שיין מסביר זיין, אזוי פונקט אזוי ווי מען קען נישט ציילן די שטערנס פון דער וועלט, אזוי קען מען נישט ציילן וויפיל זכותים א מלמד האט, ווייל ער פלאנצט איין אין די קינדער תורה ויראת שמים, און אמונה פשוטה אינעם אייבערשטן.

דער הייליגער רבי פלעגט כסדר הייסן זיינע תלמידים רעדן מיט מענטשן, זיי מחזק זיין און שטארקן אין עבודת השם יתברך; אמאל האט ר׳ נתן געפרעגט דעם רבי׳ן: ״ווי אזוי ווייס איך וואס צו רעדן צו מענטשן, אפשר די ווערטער וואס איך רעד צו דעם מענטש איז נישט די ווערטער וואס יענער דארף הערן?״ האט אים דער רבי געזאגט: ״דו רעד, דער אייבערשטער וועט דיר שוין העלפן אז עס וועט ארויס קומען די ריכטיגע דיבורים״.

דאס זעלבע זאג איך אייך, אז איר זענט א מנהלת אויף אזוי פיל מיידליך קע״ה, זאלט איר שטענדיג האלטן פאר אייער אויגן איין זאך: ״איך דארף געבן פאר יעדע מיידל א גוט ווארט״, ווייל ווען א מיידל באקומט א גוט ווארט פון איר מנהלת איז עס פאר איר זייער א גרויסע זאך; מי לנו גדול מרבינו וואס ער האט געזאגט (ליקוטי מוהר״ן, חלק ב׳, סימן מח): ״שָׁמַעְנוּ מִצַּדִּיק אֲמִתִּי שֶׁאָמַר, שֶׁאִלּוּ הָיָה אוֹמֵר לוֹ אֶחָד, ׳יְהְיֶה מִי שֶׁיִּהְיֶה׳ בְּעֵת שֶׁעָסַק בַּעֲבוֹדַת הַשֵּׁם בִּתְחִלָּתוֹ. ״אָחִי, חֲזַק וֶאֱחֹז עַצְמְךָ״, הָיִיתִי רָץ וּמִזְדָּרֵז מְאֹד בַּעֲבוֹדָתוֹ יִתְבָּרַךְ כִּי גַּם עָלָיו עָבַר כָּל הַנַּ״ל וְלֹא הָיָה שׁוֹמֵעַ שׁוּם הִתְחַזְּקוּת מִשּׁוּם אָדָם״, אז ער האט געהערט פון א אמת׳ן צדיק אויב וואלט ער געהאט איינעם וואס זאל אים זאגן: ״ברודער שטארק דיר, און דערהאלט זיך״, וואלט ער זוכה געווען

צו טון אסאך מער אין עבודת השם; ווייל אויף אים איז אויך אריבער שווערע ביטערע נסיונות, ער האט אויך געשפירט ביי זיך ווי קיינער דארף אים נישט, אבער קיינער האט אים נישט געגעבן קיין שום חיזוק ווערטער.

זעט מען פון דעם אז אפילו גרויסע צדיקים דארפן אויך אביסל חיזוק ווערטער, כל שכן פשוט'ע מענטשן ווי מיר זענען, דארפן זיכער חיזוק ווערטער, און כל שכן וקל וחומר ובן בנו של קל וחומר, בחורים און מיידליך וואס זיי זענען זייער צעבראכן, דארף מען זיי זיכער געבן גוטע ווערטער.

דערפאר אז איר שרייבט מיר אז איר ווילט מאכן שינוים וכו', איך ווייס נישט צו מען וועט אייך אויסהערן וכו', קען גאר זיין איר וועט פארלירן אייער פרנסה; איך וואלט אייך גע'עצה'ט אז איר זאלט בעיקר געדענקען צו געבן א שמייכל, און א גוט ווארט פאר יעדע מיידל, בפרט פאר די וואס קיינער קוקט נישט אויף זיי, די וואס קומען פון משפחות וואס מען רעכענט זיך נישט מיט זיי, זיי דארפן זייער שטארק א גוט ווארט, ווייל קיינער קוקט נישט אויף זיי, און עס זענען דא טיטשערס וואס וועלן נעמען א קרבן א מיידל פון א משפחה וואס מען האט נישט מורא אז די מאמע וועט פארפירן, און מיט די מיידל שלאגט זי כפרות ווען זי האט א שווערע טאג וכו', און זי לאזט אויס אירע נערוון אויף די סארט מיידלעך רחמנא לצלן, פאר אזעלכע מיידלעך דארף מען בעיקר ווייזן א שמייכל און געבן גוטע ווערטער.

איך האב געהערט א מורא'דיגע מעשה; עס איז געווען א פרוי וואס זי פלעגט געבן פאר יעדן איינעם נאר גוטע ווערטער, און אלע קינדער און אייניקליך האבן געוויסט אז דו באבע געבט נאר גוטע ווערטער. איינער האט איר אמאל געפרעגט ווי אזוי האט זי זיך אזוי אויסגעארבעט צו זיין אזוי פאזעטיוו, צו געבן פאר יעדן איינעם נאר גוטע ווערטער, האט זי דערציילט דאס פאלגענדע:

ווען מען האט מיר אוועק געריסן פון מיין היים קיין אוישוויץ בין איך געפארן אויפן באן מיט מיין קליינע ברודער, און אזוי פארנדיג האב איך געזען אז ער האט נאר אן איין פאר שיך, האב איך אים אנגעשריגן "וואו איז דיין שיך?" "אייביג ביסטו

א שלי-מזל!״ נעבעך, מיין ברודער האט פארלוירן זיין שיך לויפענדיג פון די נאציס ימ״ש, ווען בשעת מען האט אונז געיאגט איז אים אראפ געפאלן א שיך, און מען האט נישט געקענט בלייבן שטיין, ווייל די נאציס ימ״ש האבן געיאגט און געשלאגן. איך האב נישט געוואוסט וואו מען טראגט אונז, און א גאנצע וועג האב איך אים געטשעפעט און פארגעהאלטן: ״וואו איז דיין שיך?״ מיר זענען אנגעקומען קיין אוישוויץ וואס דארט איז געווען די סעלעקציע, איך בין געווען גרויס האט מען מיר געשיקט צו דער ארבעטס לאגער, און מיין קליינע ברודער איז געגאנגען אויפן מזבח מיט אלע אנדערע אידישע קרבנות ה״י.

זייט דעמאלט האב איך נישט קיין מנוחה - פארציילט די פרוי, איך טראכט צו מיר, ׳ווען איך זאל ווען וויסן אז איך גיי מער נישט זען מיין ברודער, וואלט איך אים פארגעהאלטן וועגן זיין שיך? ווען איך טראכט פון די מעשה וויין איך, און איך האב חרטה, דערפאר געב איך יעדן איינעם א גוט ווארט׳.

איך מיין אז דו מעשה איז וויכטיג פאר א טיטשער צו הערן, און אודאי פאר א מנהלת. דער אייבערשטער זאל אייך העלפן אז איר זאלט אייביג זיין פריילך, און פריילך מאכן אלע אייערע תלמידות.

חז״ל פארציילן (תענית כד.) אז עס איז אמאל געווען א טרוקעניש - עס האט נישט גערעגנט פאר א לאנגע צייט, א פשוט׳ער איד איז צוגעגאנגען צום עמוד, און גלייך ווען ער האט געזאגט: ״משיב הרוח, ומורד הגשם״ האט אנגעפאנגען צו גיין א גאס רעגן, האט מען אים געפרעגט: וואס זענען די גוטע מעשים וואס דו טוסט? האט ער געזאגט: ״איך בין א מלמד דרדקי - איך לערן מיט אידישע קינדער, און איך מאך נישט קיין חילוק פון א קינד וואס דער טאטע צאלט מיר געלט אז איך זאל לערנען מיט אים, אדער א קינד וואס דער טאטע צאלט מיר נישט; נאך א מנהג האב איך, אז ווען איך זע א קינד וואס וויל נישט לערנען, בין איך אים משחד, איך האב אין שטוב א פיש טאנק, און איך רעד אים צו, אז אויב ער וועט לערנען וועל איך אים ווייזן די פישעלעך, ביז ער הייבט אן לערנען״. זעט מען פון דעם אז אויב א מלמד, א טיטשער,

געבט אכטונג אויף דעם אייבערשטנס קינדער, האט מען א כח, און מען נעמט אן אלע תפילות.

דער רבי זאגט (ליקוטי מוהר״ן, חלק ב׳, סימן ד): ״עִקַּר הָעֲבוֹדָה לְשַׁבֵּר הָאַכְזָרִיּוּת לְהָפְכוֹ לְרַחֲמָנוּת״ א מענטש איבער דרייען זיין כעס אויף רחמנות, און אייביג פראבירן צו טראכטן מיט רחמנות אויף א צווייטע מענטש, און נישט קוקן שלעכט אויף א צווייטן; אויב מען זעט ווי איינער פירט זיך אויף נישט אזוי ווי עס דארף, און מען ווערט ברוגז אויף יענעם, זאל מען אריין נעמען אין קאפ א רחמנות געפיל אויף יענעם, און טראכטן אז יענער איז א גרויסער רחמנות.

בפרט ווען מען איז מחנך קינדער; אויב דער מלמד אדער טיטשער טראכט שלעכט אויפן קינד, זענען זיי גורם אז דער קינד זאל נישט קענען וואקסן. אבער ווען א מחנך קוקט גוט אויפן קינד, דאס העלפט דעם קינד צו ווערן זיין בעסער, אבער ווען דער קינד שפירט אז מען האלט נישט פון אים; מען שרייט אויף אים און מען געבט אים יעדע מינוט א צווייטע מוסר דרשה, ווערט ער זייער צעבראכן פון אינעווייניג, און ער פארלירט זיין ווילן צו זיין גוט.

דער הייליגער רבי זאגט (ליקוטי מוהר״ן, חלק א׳, סימן רפב): אז אפילו א מענטש וואס איז א רשע רחמנא לצלן, אויב מען זוכט אין אים עפעס א גוטע נקודה, העלפט מען אים אז ער זאל ארויס גיין פון זיין שלעכטס, און דער רבי טייטשט מיט דעם דער פסוק (תהלים לז, י): ״וְעוֹד מְעַט וְאֵין רָשָׁע, וְהִתְבּוֹנַנְתָּ עַל מְקוֹמוֹ וְאֵינֶנּוּ״, אז מען טרעפט עפעס א קליינע גוטע זאך, וְעוֹד מְעַט וְאֵין רָשָׁע - עס איז דא אין אים אביסל גוטס, וְהִתְבּוֹנַנְתָּ עַל מְקוֹמוֹ וְאֵינֶנּוּ - נאכדעם ווען איך קוק אויף אים, זע איך אז ער איז נישט דער מענטש פון פריער ער איז געווארן א צדיק.

ר׳ נתן ז״ל איז אמאל געפארן מיט זיין תלמיד ר׳ נחמן טולטשינער ז״ל, אויפן וועג האט ר׳ נתן גע׳חזר׳ט די תורה פון אזמרה (ליקוטי מוהר״ן, חלק א׳, סימן רפב) און ר׳ נחמן טולטשינער האט אזוי נאכגעברומט, האט ר׳ נתן געזאגט פאר ר׳ נחמן טולטשינער:

## עצתו אמונה

"נחמן! לאך נישט; גלייב מיר, ווען מיר וואלטן געפאלגט דעם רבי'ן, און געקוקט גוט אויף יעדן איינעם, וואלטן מיר געקענט די גאנצע וועלט מחזיר בתשובה זיין".

דער אייבערשטער זאל אייך געבן כח אז איר זאלט האבן כח אריין צו לייגן אין די מיידליך צניעות ויראת שמים, און אמונה אינעם אייבערשטן; יעדע מיידל זאל וויסן אז זי איז נישט אליין, ווייל דער אייבערשטער איז מיט איר, און אין דעם זכות וועסטו האבן נחת פון דיינע קינדער.

א גוט שבת.

...